1948 1888



Y1020.889


60
יאָריגער יובילײ
אידישע שריפטזעצער יוניאָן לאָקאַל 83, אַי. טי. יו.
פ. שולדענריין

# פון דער רעדאַקציע

אין אָט דעם זשורנאַל, וואָס אונזער יוניאָן גיט אַרויס צו דער געלעגענהייט פון איר 60־יאָריגען יובילײ, וועט דער לייענער געפינען פיל וויכטיגען היסטאָרישען מאַטעריאַל פונ׳ם לעבען און ווירקען פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

די רעדאַקציע האָט געזוכט צו געבען דעם לייענער אַ פולשטענדיג בילד וועגען די פאַרשיידענע פאַזען פון אונזער יוניאָנ׳ס טעטיגקייטען אין די פאַרגאַנגענע יאָרען. אָט די אויפגאַבע איז אַרויפגעלייגט געוואָרען אויף די מענשען וועלכע שטייען נאָענט און זיינען אַקטיוו אין אונזער יוניאָן. יעדער פון זיי האָט באַשריבען יענע צייט און אַזעלכע עפּיזאָדען, אין וועלכע ער האָט זיך דירעקט באַטייליגט.

בר. ש. פּ. שיינפעלד, וועלכער האָט צו אונזער 50־יאָריגען יובילײ אָנגעשריבען אַ זייער ווערטפול בוך געשיכטע פון אונזער יוניאָן, האָט איצט בייגעטראָגען אַ געלונגענע קאָנדענסירונג פון יענעם בוך.

די ברידער ה. בלום, ט. גלאַז און מ. ראָזענמאַן, וועלכע האָבען אין פאַרשיידענע צייטען פאַרנומען דעם פרעזידענט־אַמט אין אונזער יוניאָן אין משך פון לעצטען צענדליג יאָר, האָבען דורך זייערע אַרטיקלען דערפירט די געשיכטע פון דער יוניאָן ביז דער איצטיגער צייט.

אַנדערע אַקטיווע מיטגלידער, איצטיגע און געוועזענע באַאַמטע, האָבען בייגעטראָגען אַ צאָל אינטערעסאַנטע און אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען, וואָס שפּיגלען אָפּ די פאַרצווייגטע אַרבייט פון אונזער יוניאָן.

אַ קאַפּיטעל געשיכטע וועגען אונזער עמוירדזשענסי רעליף־פאָנד האָט געשריבען בר. מ. גאָלדינג, דער פאָרזיצער פון דער קאָמיטע. די ברידער דזש. דזשאַפּע און י. ט. ריבאַלאָוו האָבען „געדעקט" די פינאַנציעלע זייט און בר. מ. קאַסטאָף האָט געשריבען וועגען אונזער בייטראָג אויפ׳ן געביט פון דער אידישנאַציאָנאַלער באַוועגונג.

איבערלייענענדיג אויפמערקזאַם אָט דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וועט דער לייענער קריגען אַ פולשטענדיג בילד פון דער אַלזייטיגקייט פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

די רעדאַקציע וויל ספּעציעל ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לייענער אויף דער אָפּטיילונג „זיי האָבען איבערגעלעבט די נאַציס". דאָרטען ווערען געגעבען אַ צאָל עפּיזאָדען, געשריבען פון אונזערע מיטגלידער, וועמען ס׳איז געלונגען צו ראַטעווען זיך פון דעם שוידערליכען נאַצי־גיהנום. ווייט ניט אַלע פּליטימזעצער האָבען אָנגענומען די איינלאַדונג פון דער רעדאַקציע צו שרייבען זייערע זכרונות פאַר דעם זשורנאַל.

ס׳איז שווער געווען פאַר זיי אַריינצוקוועטשען זייערע דערינערונגען אין די ענגע ראַמען פון אַ זשורנאַל. יעדער פון זיי וואָלט געקענט אָנשרייבען אַ גאַנץ בוך. די רעדאַקציע האָט געמוזט שטאַרק קאָנדענסירען דעם געשריבענעם מאַטעריאַל, וואָס אייניגע האָבען צוגעשטעלט. מיר האָבען געמוזט אויסלאָזען אייניגע דעטאַלען און אַלגעמיינעם הינטערגרונד, וואָס איז שוין איצט מער־ווייניגער באַקאַנט, און זיך קאָנצענטרירען אויף פּאַסירונגען אַרום די שרייבער אַליין און זייערע נאָענטסטע.

פונדעסטוועגען איז אין אָט דער אָפּטיילונג פאַראַן גענוג וואָס זאָל פאַרכאַפּען דעם לייענער מיט זיין געוואַלדיג אינטערעסאַנטען אינהאַלט, און אים מאַכען אויפציטערען פון דער נאַצישער בעסטיאַליטעט און פון דעם ווייטאָג, וואָס שרייט אַרויס פון אָט די מענשען־דאָקומענטען.

עס איז, פאַרשטייט זיך, ניט אויסגעלאָזען געוואָרען דער געווינליכער יום־טוב מאַטעריאַל פון אַזאַ געלעגענהייט. מיר דרוקען דאָ באַגריסונגען פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס שאַצען אָפּ אונזער אַרבייט, און וואָס פרייען זיך מיט אונזער שמחה.

דאָס מאָל זיינען פון דעם יובילײ־זשורנאַל אינגאַנצען אויסגעלאָזען געוואָרען באַצאָלטע אַדווערטייזמענטס און באַגריסונגען. די זשורנאַל־קאָמיטע האָט אַזוי אַרום זיך געקענט קאָנצענטרירען אויף דעם אינהאַלט און אויסזען פון זשורנאַל, צו מאַכען עס שיין און אינטערעסאַנט.

מיר האָפען אַז דאָס איז אונז געלונגען.

אויב וועלכע ס׳איז טעות׳ן זיינען געמאַכט געוואָרען, בעטען מיר אַנטשולדיגונג און האָפען זיי אויסצובעסערען אין די קומענדיגע אויסגאַבען — ביי די ווייטערדיגע יובילײ־פייערונגען פון אונזער יוניאָן.

מיט יובילײ־גרוס,

**די רעדאַקציע־קאָמיטע**

**מ. ראָזענמאַן**, טשערמאַן

# פון דער יובילײ־קאָמיטע

ווידער האָט אונזער 83־ער משפחה אַ געלעגענהייט זיך צו טרעפען ביי אַ פריילעכען צוזאַמענקונפט ביי אַ יובילײ־פיי־ערונג — אונזערע מיטגלידער צוזאַמען מיט זייערע פרויען און אַ באַדייטענדע צאָל פון דעם יונגען דור, אונזערע קינדער.

עס איז שוין געהאַט געוואָרען אַ טראַדיציע אין אונזער יו־ניאָן דורכצופירען אַזעלכע פייערונגען אַלע פינף יאָר, אָבער היינ־טיגס מאָל איז די טראַדיציע געבראָכען געוואָרען דורך דער בלוטיגער וועלט־מלחמה, וואָס האָט צעטרייסעלט די פונדאַמענ־טען פון דער וועלט און האָט באַזונדערס געטראָפען אונז, אידען. אונזער משפחה האָט דעריבער פולע 10 יאָר ניט געהאַט קיין געלעגענהייט זיך צוזאַמענצוקומען

אונזער 50־יאָריגער יובילײ איז פאָרגעקומען אויפ׳ן שוועל פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען די מלחמה־וואָלקענס האָבען שוין פאַרטונקעלט דעם בלויען הימעל און דער רויטער מבול האָט שוין געהאַלטען ביים אויסברעכען. מ׳האָט שוין געקענט דייטליך הערען די טריט פון דעם היטלערישען מלאך־המות, וואָס האָט זיך מיט זיין שאַרפער קאָסע גערוקט אויף די אידען פון גאַנץ אייראָפּע; אונזער אייגען לאַנד, אַמעריקע, איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון דער „הואווער פראָספּעריטי״, פון דער „עפּעל־עקאָנאָמיע״; די ענגלישע לאַפּע איז פעסט געלעגען אויף ארץ־ישראל און ניט דערלאָזט, אַז די געפּלאָגטע אידען פון דייטש־לאַנד און אַנדערע טיילען פון אייראָפּע זאָלען געפינען זייער מקום־מנוחה אין דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד; אונזער אייגענע יוניאָן האָט געליטען פון אַרבייטסלאָזיקייט און פון דעם צוזאַמענברוך פון דעם בוך־און דזשאַב־טייל פון אונזער אינדוסטריע; אונזערע צייטונגען האָבען זיך געראַנגעלט מיט שרעקליכע דעפיציטען. מיר האָבען, צו אונזער גרויס באַדויערען, ניט געקענט באַזאָרגען מיט אַרבייט די איינצעלנע פליטים, וואָס האָבען געקלאַפּט אין אונזערע טירען און געזוכט ביי אונז הילף.

דער היי־יאָריגער 60־יאָריגער יובילײ טרעפט אונז אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע: אמת, אויפ׳ן האָריזאָנט טראָגען זיך נאָך אַלץ מלחמה־וואָלקענס, אַזוי ווי מיט צען יאָר צוריק, אָבער עס ווילט זיך ניט גלויבען, אַז דער רעזולטאַט פון דער איצטיגער „קאַלטער מלחמה״ וועט זיין דער זעלביגער ווי מיט צען יאָר צוריק. צו פריש זיינען נאָך אין אַלעמענס זכרון די טראַגעדיעס, וואָס די פריהערדיגע צוויי מלחמות האָבען פאַראורזאַכט, אַז מען זאָל גאָר קענען טראַכטען וועגען אַ דריטער, נאָך שרעקליכערער מל־חמה. עס וועט זיכער געפונען ווערען אַ וועג, אַז די פעלקער פון דער וועלט זאָלען קענען לעבען בשלום, יעדעס פאָלק אונטער זיין אייגענעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען סיסטעם.

מיר, אידען, האָבען שוין אונטערגעצויגען דעם שרעקליכען סך־הכל פון דעם בייזען חלום פון היטלעריזם: זעקס מיליאָן אי־דישע נפשות זיינען אָפּגעווישט געוואָרען פון דער ערד; די אַלט־איינגעפונדעוועטע אידישע קהילות אין אייראָפּע זיינען פאַרניכ־טעט געוואָרען, אָבער דערפאַר האָבען מיר דערגרייכט די פאַר־ווירקליכונג פון דעם צוויי־טויזענט־יאָריגען אידישען חלום — די גרינדונג פון דער אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל; דער גייסט פון די חשמונאים און פון בר־כוכבא, וואָס באַהערשט אונ־זער יוגענט אין ארץ־ישראל, האָט אַרויסגערופען באַוואונדערונג אין דער גאַנצער וועלט און געצוואונגען אונזערע שונאים שלום צו מאַכען מיט׳ן געדאַנק, אַז די אידישע מלוכה איז געקומען צו פאַרבלייבען. און אָנשטאָט די „פּאַטריאַ״, די „יציאה 1947״ און אַנדערע שיפען מיט „אומלעגאַלע״ אידישע וואַנדערער, קו־מען איצט אָן קיין ארץ־ישראל טאָג־טעגליך אידישע שיפען, מיט טויזענטער און טויזענטער אידען, וואָס קומען אַהיים און ווערען דאָרט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

און דאָ, ביי אונז אין אַמעריקע, מעגען מיר זיך זיכער פרייען מיט די רעזולטאַטען פון די ערשט־אָפּגעהאַלטענע וואַלען און מיט דער אויסזיכט, אַז די רעאַקציע אין לאַנד וועט מער ניט קענען אויפהויבען דעם קאָפּ, און אַז דער טעפט־האַרטלי געזעץ, וואָס האָט ספּעציעל געטראָפען אונזער אייגענער אינטערנעשאָ־נאַל יוניאָן, וועט אָפּגעווישט ווערען פון די געזעץ־ביכער און אַז דער וואַגנער־אַקט וועט ווידער אויפגעלעבט ווערען.

און אין אונזער אייגענער יוניאָן האָבען מיר אויך אַ רעכט צו קוקען מיט מער אָפּטימיסטישע בליקען. מיר האָבען איצט אַ גרעסערע מיטגלידערשאַפט ווי מיט צען יאָר צוריק, און אַלע זיינען באַשעפטיגט. אונזערע בוך־און דזשאַב־דרוקערייען האָבען ניט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגען; אונזערע צייטונגען שטייען אויף אַ פעסטען פונדאַמענט. מיט באַזונדערער פרייד ווילען מיר באַגריסען די באַדייטענדע צאָל פליטים, וואָס האָבען געהאַט דאָס גליק איבערצולעבען די בלוטיגע קאַטאַסטראָפע און וועלכע, קו־מענדיג קיין אַמעריקע, האָבען געפונען אַ היים אין אונזער יוניאָן, וואו זיי געניסען פון די פרוכטען וואָס די זעכציג יאָר שריפט־זעצער־יוניאָן האָט דערגרייכט. זיי זיצען מיט אונז צוזאַמען ביי אונזער שמחה און פילען זיך ווי אַלטע מיטגלידער פון אַן אַלט־איינגעוואָרצעלטער משפחה.

אין נאָמען פון דער יובילײ־קאָמיטע באַגריס איך אונ־זערע מיטגלידער, זייערע פרויען און פאַמיליעס און אונזערע געסט און ווינש זיך ווידער צו טרעפען ביי אונזערע קומענדיגע פייערונגען, ווען מיר וועלען מיט פריילעכע הערצער זיך באַגריסען מיט אַ דויערענדען שלום, גליקליכער אידישער מדינה און מיט אַ גרויסער און שטאַרקער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן.

**היימאַן בלום**, טשערמאַן יובילײ־קאָמיטע



## באַאַמטע
## און עקזעקוטיווע
## פון דער יוניאָן



**ט. גלאַז**
פרעזידענט



**א. ליטמאַן**
וויים־פרעזידענט



יום־טוב ריבאַלאָוו
סעק. טרעזשורער



ש. ליעוו
רעק. סעקרעטאַר



ס. קאַצענאָוו
סאַרדזשענט־עט־אַרמס



מ. ד. בעל



ס. גאַנץ



מ. גאָלדינג



ע. גראָסבוים



ג. האַלפערן



ה. סילווער



מ. קאָסטאָף



מ. ראָזענמאַן



ש. שעהנפעלד


באַאַמטע
פון דער
יובילײ קאָמיטע
ש. שעהנפעלד
ערען-טשערמאַן
מ. א. ראָזענבלום
ערען-טשערמאַן
דזש. יאַפע
טרעזשורער
ה. בלום
טשערמאַן
ה. מוסין
סעקרעטאַר
ל. בעקער
טשערמאַן דרוק קאָמיטע
ד. איזאַקאָוויץ
וויס-טשערמאַן
מ. ראָזענמאַן
טשערמאַן רעדאַקציע קאָמיטע
דזש. ראַזמאַן
מ. גאָלדונג
ד. דושיקאָוו
טשערמאַן


יובילײ
קאָמיטע
83
ה. פאַגעל
ע. פראַנק
ס. חדש
ד. בערעגר
פ. מעלצער
ס. קליאַנסקי
ס. קליאַמשקאַ
מ. גראַזול
ב. פערלמוטער
ס. מאַסקאָווסקי
מ. קאַשעס
ע. מאַינעסטער
י. סאָקאָלאָוו
ה. זלאַטקין
י. שטיינבערג
פ. רובינשטיין
ה. וואַקסבערג
עמוירדזשענסי
ס. גאָלדשטיין
עמוירדזשענסי
ס. קאַפלאַן
עמוירדזשענסי
י. פישמאַן
עמוירדזשענסי
י. וועג

# זעכציק יאָר יונג

מזל־טוב!

עס איז באמת פאַר מיר אַ זייער גליקליכער מאָמענט און אַ גרויסער פאַרגעניגען אייך אַלעמען צו באַגריסען אין נאָמען פון אונזער יוניאָן צו דער פייערליכקייט פון אונזער גרויסען חג היובל הששים!

אָט ווי ערשט דאָ ניט לאַנג איז עס געווען, ווען איך בין מיט פערציג יאָר צוריק אַ מיטגליד געוואָרען אין אונזער יוניאָן. עס שוועבען דורך אין מיין זכרון פאַרשיידענע בילדער און פּאַסירונגען — גרעסערע און קלענערע — אַלע פון וויכטיגען באַדייט; און, נאַטירליך, די געשטאַלטען פון פיל ליבע חברים, מיט וועלכע כ׳האָב געהאַט דעם כבוד צו טיילען פאַרשיידענע אַרבייטען לטובת אונזער יוניאָן אין פאַרשיידענע קאַפּאַציטעטען.

נאָך גאָר יונג איז אונזער יוניאָן דאַן געווען, מיט פערציג יאָר צוריק, דאָך האָט זי גע׳שמ׳ט פאַר איינע פון די שטאַרקסטע יוניאָנס; דער נאָמען „לאָקאַל דריי־און־אַכציג״ האָט אַרויסגערופען אַ יראת־הכבוד אין דער גאַנצער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג, ווי אויך אין דער ניט־אידישער. ספּעציעל האָט אונזער יוניאָן געשטראַלט ווי אַ ליכט־טורעם אין די רייען פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, און אַלעמענס אויגען זיינען געווענדט צו איר. אַלע שוועסטער־יוניאָנס האָבען שטאָלצירט מיט דער 83.

די גרעסטע מעלה פון אונזער יוניאָן איז געווען, חוץ די אויסגעקעמפטע קורצע שטונדען און אָנשטענדיגע שכירות, דאָס, וואָס זי איז קיינמאָל ניט געווען איינגעשלאָסען אין אירע ד׳ אמות. נאָך איידער זי האָט איר „בוירט־סערטיפיקאַט״ געקראָגען — „טשאַרטער״ פון דער אַי־טי־יו — האָט זי שוין געווירקט און געלאָזט פילען איר השפעה אויף דער אידישער גאַס, אין דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג אַלס פּיאָנערן־יוניאָן און געהאָלפען גרינדען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און צוזאַמען געהאָלפען דעם אויפבוי פון אידישע יוניאָנס און אין דעם אָנפיר פון זייערע קאַמפען.

אָט אַזוי מיט יעדער תקופה וואַקסט אונזער יוניאָנס טעטיקייט הן אין די רייען פון דער אַרבייטער־באַוועגונג והן אין דעם אַלגעמיין אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ס׳האָט זיך געפאָדערט צו טאָן קאָלאָסאַלע אַרבייט פאַר׳ן „פּיפּעלס־רעליף״, שטייט אונזער יוניאָן אין די פאָדערשטע רייען, וועמענס אַרבייט ווערט שטאַרק גערימט צו יענער צייט פון דער גאַנצער אידישער פּרעסע.

ווען אידישע פּראָטערנאַלע אָרדענס האָבען אָנגעהויבען צו שטעלען זייערע ערשטע טריט אויף אונזער אידישער גאַס, זיינען אונזערע מיטגלידער געווען פון די לייטענדע פירער — און זיינען נאָך עס דאָרט עד־היום.

אין פּאָליטישען לעבען זיינען פיל פון אונזערע יוניאָן־מיטגלידער באַעהרט געוואָרען צו קאַנדידירען אין די סאָציאַל־פּראָגרעסיווע פּאַרטייען פאַר פאַרשיידענע אַמטען — פעדעראַלע, שטאַטליכע און שטאָטישע.

און ווען דער הסתדרות געווערקשאַפטען קאַמפּיין האָט זיך גענומען אָרגאַניזירען צו העלפען דעם אויפבוי פון אַ אידישער היים און שטאַרקען די אַרבייטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל, איז איר ערשטער גרויסער פירער געווען מאַקס פיין, אַ מיטגליד פון אונזער יוניאָן, און אונזער יוניאָן איז געווען פון די ערשטע געציילטע יוניאָנס, וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין דער דאָזיגער אַרבייט בלב ונפש.

אָט מיט דעם דאָזיגען יונגען, שטאַרקען און אימער פאָראויסגייענדען טעמפּאָ גייט אונזער יוניאָן מיט אַלץ פעסטערע און זיכערע טריט צו מעכטיגערע פּאָזיציעס הן אין געווינסען אויף דעם עקאָנאָמישען פעלד והן אין פּרעסטיזש און אָנזען אין דעם אַלגעמיין אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען...

אין דעם לעצטען צענדליג יאָר — אין דער פאַרפלוכטער היטלער־תקופה — איז עס געוואָרען די הייליגע עובדה פון אונזער יוניאָן צו זאָרגען פאַר די פּליטים, וועלכע זיינען אימשטאַנד געווען זיך אַרויסצוראַטעווען פונ׳ם היטלער־גיהנום און זיינען געקומען, אַלס פּאַכלייט, צו אונז. מיט אָפענע אָרעמס האָבען מיר זיי אויפגענומען און מיר האָבען זיך געפילט גליקליך זיי צו האָבען מיט אונז. מיר זיינען שטאָלץ מיט די דאָזיגע ברידער־פּליטים, און כ׳בין זיכער, אַז זיי האָבען געפונען חוץ פרנסה אויך ברידערליכע איבערגעגעבענקייט און אמת׳ע פריינט.

מיר קומען היינט צו אונזער זעכציג־יאָריגער יובילײ־פייערונג מיט געהויבענע קעפּ, ווען מיר בליקען רעטראָספּעקטיוו אויף אונזער יוניאָנס זעכציג יאָר דערגרייכונגען און אויפטואונגען.

מיר קומען היינט צו אונזער חג־הששים מיט דעם זעלבען יונגען טעמפּאָ גרייט פאַר ווייטערע קאַמפען און ווייטערע דערגרייכונגען.

לאָמיר אויך היינט, ביי אונזער גרויסער שמחה, ניט פאַרגעסען צו הויבען הויך דעם בעכער אין אַ טאָסט פאַר מדינת־ישראל און צוזאַמען אויסרופען:

תחי מדינת ישראל!

און זיכער טאָרען מיר ניט פאַרגעסען צו הויבען דעם כוס אין באַגריסונג פון אונזער יוניאָן און אויסרופען:

לאַנג לעבען זאָל די דריי־און־אַכציג!

**טוביה גלאַז**, פּרעזידענט





ש. פּ. שיינפעלד

# אונזערע ערשטע 50 יאָר לעבען אַלס אָרגאַניזאַציע

אַ קיצור־געשיכטע פון אונזער יוניאָן פאַר׳ן ערשטען האַלבען יאָרהונדערט פון איר עקזיסטענץ. — אַ קאָנדענסירונג פון בוך „פופציג יאַר אידישע שריפטזעצער־יוניאָן״ פון זעלבען מחבר.

אידישע שריפטזעצער אין אַמעריקע האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען באַווייזען אַרום די אַכציגער יאָרען פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. די פריערדיגע אידישע אימיגראַנטען זיינען מערסטענס געקומען פון די דייטשע לענדער און האָבען זיך באַנוצט מיט דייטש אַלס אומגאַנגס־שפּראַך. ערשט נאָכדעם ווי די מזרח־אייראָפּעאישע אידען פון פּוילען, רוסלאַנד און רומעניע האָבען אין גרויסע מאַסען אָנגעהויבען שטראָמען קיין אַמעריקע, צוליב די פּאָגראָמען און גזירות אויף אידען אין יענע לענדער, איז אידיש געוואָרען די אומגאַנגס־שפּראַך צווישען אידען, סיי אין רעדן, סיי אין לייענען.

די אידישע זעצער, וועלכע האָבען אין יענער צייט אימיגרירט קיין אַמעריקע, האָבען שוין געקענט קריגען אַרבייט אין אידישע דרוקערייען און זיינען שוין ניט געווען געצוואונגען צו זוכען באַשעפטיגונג ביי אַנדערע פאַכען, צוליב דעם וואָס די ענגלישע שפּראַך איז זיי געווען פרעמד.

די מאַטעריעלע לאַגע פון אַלע אידישע אימיגראַנטען צו יענער צייט איז געווען אַ שוידערליכע און ביי אידישע זעצער איז עס ניט געווען קיין אויסנאַם. אַזוי אַז אידישע זעצער האָבען זיך געפּלאָגט אין ענגע, שמוציגע קעלער־דרוקערייען ביז 14 שעה אַ טאָג פאַר וועלכע 5 דאָלאַר אַ וואָך. איינציגווייז — באַזונדער — האָבען זיי זיך געפילט הילפלאָז, ווייל ס׳זיינען תמיד געווען מער אידישע זעצער ווי באַשעפטיגונג פאַר זיי. ווען די לאַגע איז געוואָרען כמעט אומדערטרעגליך, זיינען זיך די אידישע זעצער צוזאַמענגעקומען, אין יאָר 1888, און געגרינדעט אַ אידישע שריפטזעצער־יוניאָן, וועלכע עקזיסטירט אומאונטערבראָכען שוין זעכציג יאָר.

די ערשטע תקנות פון דער יוניאָן זיינען געווען מערסטענס „בין אדם לחברו״ — מ׳זאָל איינער ביים צווייטען ניט רייסען דעם ביסען פון מויל. האָט דעריבער די יוניאָן פאַרבאָטען איינצעלנע מיטגלידער אַליין צו זוכען אַרבייט אין די דרוקערייען. ווען אַ מיטגליד האָט ניט געהאַט קיין אַרבייט, האָט ער פאַרשרייבען זיין נאָמען אין דער יוניאָן. ווען אַ באַלעבאָס האָט געדאַרפט אַ זעצער, האָט ער זיך געדאַרפט ווענדען צו דער יוניאָן, און דער ערשטער אויף דער רייע איז אים געשיקט געוואָרען.

דער דאָזיגער איינפיר האָט פיל געהאָלפען צו הויבען די מאָראַל פון די מיטגלידער.

די ערשטע פאָדערונג צו די באַלעבאַטים איז געווען אַ צען־שעה׳דיגער אַרבייטס־טאָג פאַר 9 דאָלאַר אַ וואָך. די דאָזיגע פאָדערונג איז דער יוניאָן נאָכגעגעבן געוואָרען פרידליך.

די יוניאָן האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט אין דער אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער־לאַגע. די יוניאָן האָט איינגעזען, אַז ס׳איז ניט גענוג ווען אַרבייטער פון אַ געוויסען פאַך זיינען אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן. ס׳איז נויטיג, אַז יוניאָנס פון פאַרשידענע פאַכן, כדי זיי זאָלען זיך געגענזייטיג קענען שטיצען, זאָלען זיין פאַראייניגט אין אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט. און ווען אַזאַ פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרען אין זעלבען יאָר פון דער גרינדונג פון דער יוניאָן — אין 1888 — איז די יוניאָן געווען איינע פון די ערשטע דריי יוניאָנס וואָס האָבען געשאַפען די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען״ אין ניו־יאָרק.

ליידער זיינען די אַריבערגעקומענע אידישע אימיגראַנטען פון די צוריקגעשטאַנענע לענדער נאָך געווען רוי אין געזעלשאַפטליכער צוזאַמענאַרבייט. דאָס האָט אָפט געפירט צו אינעווייניגסטע מחלוקות און שפּאַלטונגען. די דאָזיגע צרה האָט די יונגע אידישע שריפטזעצער־יוניאָן אויך ניט אויסגעמיטען. עס האָבען זיך געגרינדעט אָפּאָזיציאָנעלע יוניאָנס, מיט וועלכע די יוניאָן האָט מיט אַלע כוחות געדאַרפט קעמפען פאַר איר עקזיסטענץ. און כאָטש די אָפּאָזיציאָנעלע יוניאָנס זיינען סוף־כל־סוף באַקעמפט געוואָרען, האָט עס דער יוניאָן אין די עטליכע יאָר פון ברודער־קאַמף צוריקגעהאַלטען אין איר פּראָגרעס. דער איינציגער באַדייטענדער געווינס איז געווען צו פאַרקירצען דעם אַרבייטס־טאָג פון 10 אויף 9 שעה, מיט די זעלביגע שכירות פון 9 דאָלאַר אַ וואָך.

דערפאַר אָבער ווען דער ברודער־קאַמף האָט זיך געענדיגט און אַלע אידישע זעצער זיינען ווידער געווען פאַראייניגט אונטער דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן, האָט די יוניאָן, אין יאָר 1894, זיך אָנגעשלאָסען אָן דער „אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן״ און באַקומען דעם נומער 83.

די יוניאָן איז צו יענער צייט שוין אַלט געווען זעקס יאָר

און האָט שוין געהאַט אויף איר רעקאָרד אַ היבש ביסעל קאַמפּען מיט סטרייקס אין אייניגע ניי־געגרינדעטע אידישע צייטונגען.

דער ברודער־קאַמף פאַרענדיגט, און זייענדיג שוין אָנגעשלאָסען אָן דעם אַמעריקאַנער בוכדרוקער־פאַרבאַנד (אַי־טי־יו), האָט די יוניאָן זיך געפילט דערמוטיגט און איז צוגעטראָטען צו אַ מער־געוואַגטען שריט — צו פאַרווירקליכען דעם חלום פון דער אַרבייטער־באַוועגונג צו יענער צייט — איינצופירען דעם 8־שעה׳דיגען אַרבייטס־טאָג.

אַחוץ דער פאַרקירצטער אַרבייטס־צייט — פון 9 אויף 8 שעה אַ טאָג — האָט די יוניאָן אויך געפאָדערט אַ העכערונג אין די שכירות: פון 9 אויף 10 דאָלאַר אַ וואָך.

עס איז באַמערקונגסווערט, אַז די דאָזיגע פאַרבעסערונגען זיינען פון די באַלעבאַטים ניט באַשטריטען געוואָרען.

דער ערשטער סכסוך וועגען שכירות און בעסערע אַרבייטס־באַדינגונגען איז ערשט פאָרגעקומען אין אַ יאָר אַרום — אין 1895.

איין טעגליכע אידישע צייטונג („דאָס יידישע טאַגעבלאַטט") האָט זיך געקליבען איינצושטעלען זעץ־מאַשינען. אין אידישען דרוקער־פאַך איז עס געווען אַ נייעס. כדי וואָס ווייניגער זעצער זאָלען דורכדעם פאַרלירען זייער פרנסה, האָט די יוניאָן געוואָלט איינפירען, אַז דער 8־שעה׳דיגער אַרבייטס־טאָג ביי דער מאַשין זאָל פאַרטיילט ווערען צווישען צוויי זעצער, צו 4 שעה יעדער. נאַטירליך פאַר האַלב שכירות — 12 דאָלאַר אַ וואָך (דער פּרייז פאַר מאַשין־זאַץ אין ענגלישע דרוקערייען איז דעמאָלט געווען 24 דאָלאַר אַ וואָך פאַר 8 שעה אַ טאָג). כדי דאָס צו דערגרייכען האָט די יוניאָן אָנגעפירט אַ קאַמף. דער סטרייק האָט געדויערט 11 וואָכען. ענדליך איז דער 4־שעה׳דיגער אַרבייטס־טאָג איינגעפירט געוואָרען ביי מאַשין־זאַץ פאַר 11 דאָלאַר אַ וואָך. די האַנדזעצער ביי צייטונגען האָבען ווייטער געאַרבייט 8 שעה אַ טאָג פאַר 15 דאָלאַר אַ וואָך.

צוליב דעם וואָס אידישע זעצער איז אויסגעקומען צו אַרבייטען ביי צייטשריפטען פון פאַרשידענע, אָפט אַנטקעגענגעזעצטע אידעאָלאָגיעס, האָט עס אין פאַרשידענע צייטען ניט ווייניג צרות פאַרשאַפט דער יוניאָן. עס איז איר אָבער תמיד געלונגען אויסצומיידען פאַרוויקעלט צו ווערען אין זייערע סכסוכים.

אין די ערשטע צוועלף יאָר זיינען אין די אידישע דרוקערייען געווען אָרגאַניזירט בלויז די שריפטזעצער. די אַנדערע פּרינטינג־יוניאָנס, ווי די פּרעסלייט, סטערעאָטייפּערס, מעילערס און מאַשיניסטען, האָבען זיך מיט די אידישע דרוקערייען ניט אינטערעסירט און זיי געלאָזען אויף הפקר. די לאַגע איז געווען אַן אַבנאָרמאַלע. נאָך עטליכע יאָר ווירקען אויף זיי, און מיט דער הילף פון דער יוניאָן, וועלכע האָט אין מאַנכע פאַלען אַרונטערגענומען די זעצער אין סטרייק, זיינען אַלע אָפּטיילונגען פון דרוקער־פאַך אויך אין די אידישע דרוקערייען יוניאָניזירט געוואָרען.

אין די ערשטע 10 יאָר פון היינטיגען יאָרהונדערט איז די אידישע איינוואַנדערונג שטאַרק געוואָקסען און אידישע ישובים האָבען זיך אויסגעשפּרייט אויך אין אַנדערע גרויסע שטעט פון לאַנד. אידישע צייטשריפטען האָבען אָנגעהויבען אַרויסגיין אויך אין אַנדערע שטעט אויסער ניו־יאָרק. האָט די יוניאָן געדענקט, אַז די צייט איז רייף אויך אין יענע שטעט צו אָרגאַניזירן אידישע שריפטזעצער יוניאָנס. די „אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן" האָט דעם פּלאַן געהאָלפען דורכצופירען. זי האָט באַשטימט אַ מיטגליד פון דער יוניאָן אַלס אָרגאַנייזער און האָט אים אַרויסגעשיקט איבער די אידישע ישובים צו אָרגאַניזירן די זעצער אין אידישע יוניאָנס. אידישע יוניאָנס זיינען דעמאָלט, אין יאָר 1907, געגרינדעט געוואָרען אין פילאַדעלפיע, קליוולאַנד, שיקאַגאָ און מאָנטרעאָל, קענעדע.

די יוניאָנס האָבען אָבער קיין לאַנגען קיום ניט געהאַט, און זייערע מיטגלידער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די לאָקאַלען פון די ענגלישע שריפטזעצער אין יענע שטעט. אַן אויסנאַם איז געבליבען די שיקאַגאָ׳ער אידישע שריפטזעצער־יוניאָן, וועלכע עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג. עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז דאָס וואָס דער שיקאַגאָ׳ער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן איז געלונגען אויפצוהאַלטען איר טשאַרטער פון דער „אינטערנעשאָנאַל", האָט אין פילע פאַלען פאַרבעסערט די מערכה פון די אידישע זעצער אין יענער שטאָט, אפילו אין פאַרגלייך מיט די זעצער פון דער ענגלישער יוניאָן.

דער 4־שעה׳דיגער אַרבייטס־טאָג ביי די זעץ־מאַשינען, כאָטש אין זיין צייט איז עס געווען אַ נויטווענדיקייט, כדי צו פאַרמיידען די קאַטאַסטראָפע וואָס האָט תמיד באַגלייט די אַרבייטער ביי אינדוסטריעס, ווען מאַשינען זיינען איינגעשטעלט געוואָרען אין זייער פאַך און האָט מיט זיך געבראַכט אַרבייטסלאָזיקייט, האָט אָבער אַלס פּערמאַנענטע איינאָרדנונג געהאַט מערערע חסרונות. ערשטענס, זיינען די פאַרדינסטען אין 4 שעה געווען צו ווייניג מ׳זאָל דערפון קענען ציען פרנסה אויף צו מאַכען אַ לעבען, און מ׳האָט געדאַרפט זוכען, אין דער פרייער צייט, זייטיגע פאַרדינסטען כדי אויסצוקומען מיט דער הוצאה; צווייטענס, האָט עס אין די דרוקערייען גופא געשאַפען צווייערליי קאַטעגאָריעס: האַנדזעצער, וואָס האָבען געאַרבייט 8 שעה פאַר העכערען געהאַלט און מאַשינזעצער מיט קורצע שטונדען און קליינע פאַרדינסטען. ווען די יוניאָן האָט דעריבער, אין יאָר 1907, איינגעזען, אַז די אַרבייט האָט זיך אַזוי פאַרמערט אין אידישע דרוקערייען צו דערמעגליכען גענוג אַרבייט פאַר אַלע מיטגלידער, האָט זי איינגעפירט אַן אַלגעמיינעם 6־שעה׳דיגען אַרבייטס־טאָג מיט די זעלבע שכירות פאַר אַלעמען — סיי האַנדזעצער און סיי מאַשינזעצער. די שכירות האָבען זיך דעמאָלט אויסגעגליכען צו 25 דאָלאַר אַ וואָך.

אין דער זעלבער צייט זיינען די שכירות אין דזשאָב־דרוקערייען, אונטער דעם 8־שעה׳דיגען אַרבייטס־טאָג, בהדרגה געהעכערט געוואָרען ביז 21 דאָלאַר אַ וואָך.

אין יאָר 1909 האָט די יוניאָן צום ערשטען מאָל געהאַט די דערפאַרונג צו גיין מיט די דזשאָב־באַלעבאַטים צו אַרביטריישאָן וועגען אַ נייעם קאָנטראַקט. די באַלעבאַטים האָבען עס געפאָדערט און די יוניאָן האָט דעם „טשאַלענדזש" אויפגענומען. דער אַרביטריישאָן־באָאַרד איז באַשטאַנען פון זעקס דרוקער: 3 אויסגעקליבען פון די באַלעבאַטים און 3 — פון דער יוניאָן. דער איינשטימיגער פּסק־דין פון די אַרביטרייטאָרס איז געווען צו גונסטען דער יוניאָן און די טענות און תביעות פון די באַלעבאַטים זיינען צוריקגעוויזען געוואָרען.

אין יאָר 1911 איז דער יוניאָן געלונגען צו פאַרקירצען די אַרבייטס־שטונדען אין די דזשאָב־דרוקערייען אויף צוויי שעה אַ וואָך: פון 48 אויף 46 שעה, און דער שבת׳דיגער טאָג איז שוין באַשטאַנען פון 6 שעה אנשטאט 8. אויך זיינען דעמאָלט די שכירות געהעכערט געוואָרען ביז 24 דאָלאַר אַ וואָך. אין די צייטונגס־דרוקערייען זיינען די שכירות דעמאָלט געהעכערט געוואָרען ביז 30 דאָלאַר אַ וואָך.

אין יאָר 1914 האָט די יוניאָן איבערגענומען אויך די יוריסדיקציע איבער קאָרעקטור (פּרופרידינג). אין דעם קאָנטראַקט וואָס די יוניאָן האָט אין יענעם יאָר געשלאָסען מיט די צייטונגס־אַרויסגעבער איז, אַחוץ דער הוספה אויף די שכירות ביז 34 דאָלאַר אַ וואָך, אויך צוגעקומען אַ פּונקט, אַז אויך דער פּרופרידער דאַרף זיין אַ מיטגליד פון דער יוניאָן. די יוניאָן האָט די צו יענער צייט באַשעפטיגטע פּרופרידערס דערלויבט זיך אָנצושליסען אָן דער יוניאָן און זייער מערכה איז גאָר אַ גרויסער מאָס פאַרבעסערט.

די יוניאָן האָט איר טעטיקייט ניט באַשרענקט מיט בלויז פאַך־פּראַגען. ווען אידיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען זיינען אויפגעשוואומען, האָט זיך די יוניאָן אין זיי אַריינגעוואָרפען און האָט מיטגעהאָלפען פּראָפּאָרציאָנעל מער ווי אַנדערע גרעסערע אָרגאַניזאַציעס.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מ׳האָט אין אַמעריקע געזאַמעלט שטיצע פאַר די אידישע מלחמה־קרבנות, האָט די יוניאָן ניט נאָר בייגעשטייערט טויזענט דאָלאַר פון איר קאַסע (צו יענער צייט אַ גרויסע סומע לויט דער צאָל מיטגלידער), נאָר האָט אויך פיל מיטגעהאָלפען צום דערפאָלג פון דעם באַזאַר אין גרענד סענטראַל פּאַלאַס, וואָס איז געווען אַראַנזשירט פון דער „פּיפּלס רעליף קאָמיטע", מיט דעם וואָס די יוניאָן האָט דאָרט איינגעשטעלט אַ פולשטענדיגע דרוקעריי און אַרויסגעגעבען אַ טעגליכע צייטונג פאַר די באַזוכער. די הכנסה פון דער צייטונג און אַנדערע דרוק־אַרבייטען, וואָס די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען פרייוויליג געטאָן, האָבען באַדייטענד פאַרגרעסערט די הכנסה פון באַזאַר.

ווען די יוניאָן איז שוין אַריין אויך אין פילאַנטראָפּישע טעטיקייטען, האָט זי זיך פאַרטראַכט וועגען דער אומבאַהאָלפענקייט וואָס קען אויך טרעפען אַן אייגענעם מיטגליד. די יוניאָן האָט דעריבער, אין יאָר 1925, איינגעשטעלט אַן „עמוירדזשענסי רעליף־פאָנד", כדי אַרויסצוהעלפען אייגענע מיטגלידער אין אַ נויטפאַל. דער אויפטו פון דעם פאָנד איז גאָרניט אָפּצושאַצען.

אין די יאָרען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און די פּעריאָדע וואָס האָט נאָכגעפאָלגט, האָט זיך געשאַפען אַזאַ יקרות אויף לעבענס־מיטלען, אַז די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען פּשוט מיט די שכירות ניט געקענט אויסקומען. ווענדונגען פון דער יוניאָן פאַר אַ העכערונג („מלחמה־באָנוס", ווי מ׳האָט עס גערופען) זיינען פון די באַלעבאַטים איגנאָרירט געוואָרען. דורך ספּאָנטאַנע סטאָפּעדזשעס איז אָבער דער יוניאָן געלונגען די שכירות פון די מיטגלידער צו העכערען אויף 60 דאָלאַר אַ וואָך. אין יאָר 1928 איז שוין די סקעיל אין די צייטונגען געווען 72 דאָלאַר אַ וואָך מיט צוויי וואָכען וואַקאַציע און 13 באַצאָלטע יום־טובים.

אין די דזשאָב־דרוקערייען איז די אַרבייטס־צייט רעדוצירט געוואָרען צו 44 שעה אַ וואָך און דערנאָך, אין יאָר 1928, צו אַ 5־טאָגיגער וואָך פון 40 שעה, און די שכירות זיינען געהעכערט געוואָרען ביז 63 דאָלאַר אַ וואָך און 3 באַצאָלטע יום־טובים — ראש־השנה און יום־כיפור.

אין די פאָלגענדע צען יאָר, פון 1928 ביז 1938, ווען די יוניאָן האָט שוין געפייערט איר יובל פון פופציג יאָר עקזיסטענץ, האָט אַן עקאָנאָמישער קריזיס געהערשט אין לאַנד. אַרבייטלאָזיקייט האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אינדוסטריעס. די דרוקער־אינדוסטריע איז ניט געווען קיין אויסנאַם. אין יענע יאָרען — צוליב׳ן קריזיס — זיינען די שכירות פון אַרבייטער אין אַלגעמיין זייער נידעריג געזונקען. דער יוניאָן איז אָבער, דורך די גרעסטע אָנשטרענגונגען, געלונגען אַלע אירע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פולשטענדיג אויפצוהאַלטען.

אירע פּראָבלעמען פון אַרבייטסלאָזיקייט האָט די יוניאָן אויך געלייזט אויף אַן אמת־ברידערליכען אופן: די אַרבייטענדע מיטגלידער האָבען פרייוויליג אויפגעגעבען איין טאָג אַרבייט יעדע וואָך לטובת אַן אַרבייטסלאָזען, אַזוי אַז דער אַרבייטסלאָזער מיטגליד האָט באַקומען אַ מינימום פון 4 טעג אַ וואָך אַרבייט פאַר 48 דאָלאַר. די מיטגלידער פאַר וועמען, צוליב געוויסע סיבות, מ׳האָט ניט געקענט קריגען קיין אַרבייט, האָבען באַקומען 20 דאָלאַר אַ וואָך פון דער יוניאָן־קאַסע, חוץ אַן הלוואה יעדען חודש פון „עמוידזשענסי רעליף־פאָנד" ווען ער האָט געדאַרפט צאָלען דירה־געלט.

די דאָזיגע געלדער זיינען געשאַפען געוואָרען דורך אַ ספּעציעלען טעקס פון די פאַרדינסטען פון די אַרבייטענדע מיטגלידער פון דער יוניאָן.

די יוניאָן האָט זיך געפילט שטאָלץ, וואָס קיין איינער פון אירע מיטגלידער, כאָטש אָן באַשטענדיגער באַשעפטיגונג צוליב דעם קריזיס, האָט זיך ניט געדאַרפט ווענדען נאָך שטאַטישער הילף אין די אַלע קריזיס־יאָרען.

צבי שטאָק

## צום אידישען אות אַ געזאַנג

(צום 60־יאָריגען יובילײ פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן, לאָקאַל 83, אַי. טי. יו.)

איבער צייט און איבער רוים,
אין יעדער ווירקליכקייט און טרוים;
אויף וועגען גלייך און וועגען קרום —
שוועבסטו, אידיש אות, אַרום.

שוועבסט אַרום און ליכטיגסט אויס
פרייד פון וואָרט פאַר קליין און גרויס,
און דו טראָגסט פון דור צו דור
ליכט פון אמת און פון וואָר.

באַשייד פון דמיון און פאַרשטאַנד,
שווערע מי פון אַרבייטס־האַנט
טוט שמידען דיך אין נצח׳ס קרוין
און שאַפונגס־פרייד איז אים דער לוין.

איבער צאָל און איבער וואָג,
אין יעדן זינג, אין יעדן זאָג;
וואו דער גייסט פון גאָט שוועבט אום,
שוועבסטו, אידיש אות, אַרום.

איבער פינצטערניש און ליכט,
איבער בשורה אומגעריכט —
מיר מיען זיך מיט דיין געבוי
פון קינדווייז־אָן ביז עלטער־גרוי.

סיי אין פרייד און סיי אין צער,
דיין שיין געשטאַלט איז אונזער שכר.
אַז וואויל איז אונז, וואָס אונז באַשערט
צו מיען זיך אַרום דיין ווערט.

הושענא־רבה, תש״ט, קוני־איילאַנד, נ. י.



ה. בלום

# מיר האַלטען אָן אונזערע פּאָזיציעס און געווינען נייע

**ווי אַזוי אונזער יוניאָן איז דורכגעגאַנגען די לעצטע יאָרען פון קריזיס און דעם מלחמה־פּעריאָד. — די „קעיס" פון אונזער יוניאָן פאַר דער „וואָר לעיבאָר באָאַרד".**

דורך די פאַרגאַנגענע צען יאָר, זינט די יוניאָן האָט געפייערט איר 50־יאָריגען יובילײ, אין 1938, ביז היינט־צו־טאָג, האָט די יוניאָן דורכגעלעבט אַן עפּאָכע, וואָס האָט אין זיך אַריינגענומען סיי אַ צייט פון אַן ערנסטען קריזיס און סיי אַ צייט פון אַ געזונטער אויפלעבונג — פון פאַרפעסטיגען די אַלטע פּאָזיציעס און פון דעראָבערען נייע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אין פאַרגלייך מיט דער ברייט־פאַרצווייגטער אַרבייטער־באַוועגונג אין דער איצטיגער צייט, ווען אַ יוניאָן מיט ווייניגער פון צען טויזענט מיטגלידער ווערט באַטראַכט פאַר אַ קליינע אָרגאַניזאַציע, קענען אונזערע אַלע קאַמפּען און דערגרייכונגען געמאָסטען ווערען מיט אַ מיקראָסקאָפּישער מאָס. אָבער ווי קליין אונזער וועלטעל איז, האָבען מיר אָבער געמוזט דורכמאַכען אויף אונזער אייגענאַרטיגען וועג אַלץ וואָס אַ סך ריזיגע און גרויסע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס האָבען דורכגעמאַכט.

דער לעצטער קאָנטראַקט וואָס די יוניאָן האָט געשלאָסען אין דער צייטונגס־אינדוסטריע איז אונטערגעשריבען געוואָרען אין סעפּטעמבער 1925 און האָט זיך באַצויגען אויף אַ פּעריאָדע פון 5 יאָר — ביז סעפּטעמבער 1930, ווען די סקעיל איז געווען 72 דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַ 6־טאָגיגער אַרבייטס־וואָך פון 36 שעה בייטאָג אָדער 27 שעה ביינאַכט. יענע סקעיל איז דעמאָלט געווען די העכסטע ניט נאָר אין אונזער אינטערנעשאָנאַל, נאָר, מיט אומבאַדייטענדע אויסנאַמען, אויך אין אַלע אַנדערע פאַכען. ווען דער קאָנטראַקט איז געשלאָסען געוואָרען, האָט די יוניאָן פאַר זיך געזען אַ בליהענדע אינדוסטריע, וואָס האָט זיך ערשט געהאַלטען אין צוואַקסען. די צייטונגען זיינען געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע אין באַצוג צו צירקולאַציע; די ראַדיאָ־אינדוסטריע האָט נאָך ניט געהאַט אַוועקגענומען דעם גרעסטען טייל פון דעם אַדווערטייזינג־בודזשעט ביי די נאַציאָנאַלע אַדווערטייזער, וועלכע האָבען זיך שטאַרק גערעכענט מיט דער אידישער פּרעסע און האָבען טאַקע אָנגעפילט די זייטען פון די אידישע צייטונגען מיט אַדווערטייזמענטס, אַזוי אַז מיר האָבען געקענט קוקען מיט אָפּטימיסטישע בליקען צו דער צוקונפט.

ווען דער קאָנטראַקט האָט זיך פאַרענדיגט, ענדע פון יאָר 1930, איז די לאַגע שוין געווען אַ גאַנץ אַנדערע: דער פאַרבאָט אויף אימיגראַציע האָט באַרויבט די אידישע צייטונגען פון דעם רעזערוואואַר פון נייע לעזער; דער שרעקליכער קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, האָט אויך ביי דער אידישער פּרעסע צוגענומען אַ היבשען קוואַל פון הכנסה — דער איינקונפט פון אַדווערטייזמענטס. אָנשטאָט צו טראַכטען וועגען זוכען אַ בעסערען קאָנטראַקט, האָט די יוניאָן זיך געמוזט ראַנגלען און אָנהאַלטען מיט ציין און נעגעל די אַלטע דערגרייכונגען. מ׳האָט זיך באַמיט צו מאַכען געוויסע עקאָנאָמיעס דאָ און דאָרט, וואָס האָבען אָבער ניט באַרירט ממשות׳דיג די הויפּט־באַדינגונגען — אין דער צייט ווען די יוניאָנס אין די ענגלישע צייטונגען האָבען געליטען באַדייטענדע רעדוצירונגען אין זייערע געהאַלטען.

די לאַגע פון די אידישע צייטונגען איז געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער. דער קלימאַקס האָט דערגרייכט אין יאָר 1938, ווען עס האָט שוין געהאַלטען דערביי אַז דער „טאָג" זאָל זיך פאַרמאַכען און אַז אַ באַדייטענדע צאָל פון די מיטגלידער זאָל בלייבען אַרבייטסלאָז. די לאַגע האָט אויסגעזען אַ פאַרצווייפעלטע, און נאָר אַ דאַנק דער ווייטזיכטיגער פּאָליסי פון אונזער יוניאָן צו האָבען גרייט אַ פאָנד פאַר אַזאַ נויטפאַל, און דער טעטיגער אַרבייט פון אַ צאָל מיטגלידער, איז עס געלונגען די צייטונג צו דערהאַלטען ביים לעבען און זי ווידער צו שטעלען אויף די פיס.

נאָר די עפּאָכע פון „טאָג"־קריזיס איז אַ קאַפּיטעל פאַר זיך — אַ קאַפּיטעל וואָס מיין קאָלעגע ט. גלאַז גיט איבער אין זיין אַרטיקעל אין דעם זשורנאַל.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך דער „מאָרגען זשורנאַל" דורכגעלעבט אַ פינאַנציעלען קריזיס, וואָס האָט צוטרייסעלט דעם פונדאַמענט פון דער צייטונג, און וואָס האָט אָנגעהאַלטען ביז מר. אַרטור דזשייקאָבס, דער איצטיגער פּאָבלישער, האָט איבערגענומען די צייטונג.

דער „פאָרווערטס" איז אויך אָפּערירט געוואָרען מיט גרויסע געלט־פאַרלוסטען, אָבער אַ דאַנק דעם וואָס אַלס געזעלשאַפטליכע צייטונג האָט ער אין די גוטע יאָרען אַוועקגעלייגט די געבליבענע פּראָפיטען אין אַ פאָנד פאַר אַ „רעגענדיגען טאָג", האָט ער געקענט דורכטראָגען די שלעכטע צייט. אָבער אויך דאָרטען האָט מען געמוזט זען, אַז דער פאָנד זאָל זיך ניט אינגאַנצען אויסשעפּען.

פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען זוכען צו קריגען אַ נייעם, אַ בעסערען קאָנטראַקט. די יוניאָן האָט באַטראַכט פאַר אַ דערגרייכונג דעם פאַקט וואָס די אַלטע פּאָזיציעס האָבען געקענט אָנגעהאַלטען ווערען.

די לאַגע האָט אָנגענומען אַן ענדערונג צום בעסערען אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1942, ווען מר. מאָריס ווייַנבערג האָט איבערגענומען דעם „טאָג", און שפּעטער, ווען זיין איידעם, מר. אַרטור דזשייקאָבס, האָט איבערגענומען דעם „מאָרגען זשורנאַל". אַלס אַלטער דערפאַרענער צייטונגס־מאַן, האָט מר. ווייַנבערג זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבייט צו שטעלען דעם „טאָג" אויף די פיס. און דורך קאָאָרדינירען די געשעפטס־אַנגעלעגענהייטען פון „טאָג" און פון „מאָרגען זשורנאַל", ווי אויך אויסנוצענדיג די פאַרצווייגטע אידישע געזעלשאַפטליכע טעטיקייט, וואָס איז אַרויסגעוואָקסען אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה און פון דעם אידישען חורבן אויף יענער זייט ים, האָט זיך מר. ווייַנבערג׳ן און מר. דזשייקאָבס׳ן איינגעגעבען צו סטאַביליזירען די פינאַנציעלע לאַגע פוןביידע צייטונגען און עס איז פאַרשוואונדען די געפאַר פון אונטערגאַנג פון אַ אידישער צייטונג.

* * *

ביים סוף פון 1943, ווען די יוניאָן האָט געפילט אַז די צייטונגען זיינען אויסער געפאַר, און ווען דער קאָסט פון לעבענס־מיטלען האָט געהאַלטען אין איין שטייגען, האָט די יוניאָן זיך געפילט געצוואונגען אָנצוהויבען אַ ניי בלאַט אין איר געשיכטע: פון דער דעפענסיווע אַריבערצוגיין אין דער אָפענסיווע.

צו יענער צייט — דורך די מלחמה־רעגולאַציעס — איז אַנטשטאַנען אַ דריטער, און אַ גאַנץ אָנגעזעענער, צד אין פאַרהאַנדלונגען צווישען יוניאָנס און באַלעבאַטים וועגען שכירות און אַנדערע באַדינגונגען. דער צד איז געווען די „נעשאָנאַל וואָר לעיבאָר רילעישאָנס באָאַרד". יעדע העכערונג פון שכירות האָט געדאַרפט גוטגעהייסען ווערען פון דער דאָזיגער קערפּערשאַפט. און אַלס מאַקסימום האָט די „באָאַרד" אָנגענומען די „ליטל סטיל פאָרמולאַ", וואָס האָט אין קורצען געמיינט, אַז די גרעסטע העכערונג האָט געקענט זיין 15 פּראָצענט איבער דער סקעיל פון יאַנואַר 1941. צו דער דאָזיגער „פאָרמולע" זיינען אָבער געווען צוגעטשעפּעט אַזעלכע „שטריקעלעך", וואָס האָבען אין מאַנכע פאַלען געמאַכט אוממעגלעך אַ געוויסע העכערונג אפילו ווען ביידע צדדים האָבען דערצו צוגעשטימט.

די יוניאָן האָט אין יאַנואַר 1944 באַשטימט אַ סקעיל־קאָמיטע, וועלכע איז געווען אינסטרואירט צו פאָדערען די דערלויבטע העכערונגען פון 15% — כאָטש דער קאָסט פון לעבענס־מיטעל איז ווייט אַריבער די גרעניצען פון די 15 פּראָצענט. אַלס אַ סאָב־קאָמיטע אָנצופירען די פאַרהאַנדלונגען סיי מיט די באַלעבאַטים און סיי מיט די רעגירונגס־קערפּערשאַפטען זיינען באַשטימט געוואָרען די ברידער ש. פ. שיינפעלד, דער טשערמאַן פון דער סקעיל־קאָמיטע; דער שרייבער פון די שורות, ה. בלום, וועלכער איז אין יענער צייט געווען פּרעזידענט פון דער יוניאָן; און דזש. דזשאַפּע.

דער קאָמיטע איז אויסגעקומען צו פירען אַ שווערען און לאַנגען קאַמף, וואָס האָט זיך געענדיגט ערשט אין סעפּטעמבער 1945. אויסער דעם, וואָס די פּאָבלישערס האָבען קאַטעגאָריש זיך אַנטזאַגט אויף וויפיל־ניט־איז נאָכצוגעבען דער יוניאָנ׳ס פאַרלאַנג, איז דער אויסגאַנג נאָך מער פאַרשלעפּט געוואָרען דורך די פאַרשידענע רעגירונגס־אינסטאַנצען, וואָס האָבען „געשפּילט באָל" מיט אַזעלכע „קעיסעס", וואַרפענדיג זיי פון אַ „באָאַרד" צו אַ „קאָמישאָן", און פון אַ „קאָמישאָן" צו אַ „פּענעל". מיט די פּאַפּירען וואָס האָבען געדאַרפט יעדעס מאָל צוגעשטעלט ווערען, אָנגעפּיקעוועט מיט פאַקטען און ציפערען, האָט מען געקענט אויפבויען דעם לעגענדאַרען „פּאַפּירענעם בריק".

אויסער דער דערקלערונג פון די פּאָבלישערס, אַז זייערע איינגאַמעס דערלויבט זיי ניט צו געבען קיין העכערונגען, זיינען פון זיי אויך אַרויסגערוקט געוואָרען די פאָלגענדע טענות: אַז דער דורכשניט־עלטער פון די צייטונגס־זעצער איז אַ צו־הויכער; אַז דער אַלטער קאָנטראַקט איז געמאַכט געוואָרען אין אַ „בום"־פּעריאָדע, ווען לעבענס־מיטלען זיינען געווען נאָך העכער ווי אין 1943; אַז די פאַרדינסטען פּער שטונדע זיינען נאָך אַלץ באַדייטענד העכער ווי אין די גרויסע ענגלישע צייטונגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד; אַז אונזערע צייטונגס־זעצער האָבען אַזעלכע פּריווילעגיעס, וואָס קיין אַנדערע צייטונגס־זעצער האָבען ניט.

אַלס „טראָמף־קאָרט" האָבען די פּאָבלישערס צוגעשטעלט צו דער רעגירונג אַ דאָקומענט — דער „גודריטש־רעפּאָרט". דאָס האָט געזאָלט זיין, אַזוי צו זאָגען, אַ וויסענשאַפטליכע אויספאָרשונג וועגען אַלע פאַזען פון דעם שריפטזעצער־פאַך אין די אידישע צייטונגען און אַ פאַרגלייך מיט דעם זעלבען פאַך אין דער צייטונגס־אינדוסטריע אין ענגליש און אין אַנדערע אויסלענדישע שפּראַכען.

אַלץ וואָס בלק פון חומש האָט געוואָלט, אַז בלעם זאָל זאָגען וועגען אידען, נאָר בלעם האָט עס ניט געזאָגט, האָט מר. גודריטש, דער „טעכנישער צייטונגס־עקספּערט", עס יאָ געזאָגט וועגען דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן. די קאָמיטע האָט אָבער אַזוי צושלאָגען זיינע „פאַקטען" און „סטאַטיסטיקס", אַז ער אַליין איז שפּעטער געווען געצוואונגען צו מאַכען אַ געשוואוירענעם אַפידייוויט, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען אין קיין קאָמפּאָזינג־רום פון אַ אידישער צייטונג און אַז ער האָט פּערזענליך ניט אונטערזוכט זיינע אַלע „פאַקטען"; אַז ער האָט זיין אַנאַליז געמאַכט אויפ׳ן גרונט פון באַריכטען וואָס די אידישע פּאָבלישערס האָבען אים צוגעשטעלט.

אָבער אויף אונזער „מזל" האָבען מיר, אויסער דער געגנערשאַפט פון די באַלעבאַטים, זיך אויך אָנגעשטויסען אויף דער געגנערשאַפט פון דער „לעיבאָר רילעישאָנס באָאַרד", וואָס האָט געזוכט אונזער „קעיס" איינצושפּאַנען אין איין וואָגען מיט דער „קעיס" פון דער באַרימטער מולטי־מיליאָניגער פירמע לעווער בראָדערס, זייף־מאַנופעקטשורערס. און ווען דאָס וואָלט זיך איינגעגעבען דעם פאַרטרעטער פון דער אינדוסטריע ביי דער באָאַרד, וואָלטען מיר ניט געטאָרט קריגען קיין העכערונג אפילו ווען די באַלעבאַטים וואָלטען דערצו צוגעשטימט.

די „קעיס" פון די אַרבייטער ביי לעווער בראָדערס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די פירמע האָט פאַר אַ געוויסער צייט, איידער דער קאָנטראָל איבער שכירות איז אַריין אין קראַפט, געצאָלט אירע אַרבייטער אין געוויסע פלענטס העכערע שכירות ווי אַנדערע פירמעס האָבען געצאָלט פאַר ענליכער אַרבייט. און ווען די דאָזיגע אַרבייטער האָבען פאַרלאַנגט אַ 15% העכערונג אַלס פאַרגיטיגונג פאַר דעם שטייגענדען קאָסט פון לעבענס־מיטלען, האָבען די נידעריגע אינסטאַנצען פון דער „וואָר לעיבאָר באָאַרד" זיי עס אַנטזאַגט, אָנגעבענדיג אַלס אורזאַך, אַז דאָס וועט פירען דערצו, אַז די אַרבייטער ביי די אַנדערע פירמעס וועלען פאַרלאַנגען אַ העכערונג פון מער ווי 15%, כדי אויסצוגלייכען זייערע פאַרדינסטען מיט די פאַרדינסטען פון די אַרבייטער פון לעווער בראָדערס, און דאָס וועט שטערען די סטאַביליזירונג פון דער אינדוסטריע.

באַציענדיג זיך אויף יענע אַנטשיידונגען, האָט אויך דער „ניוספּעיפּער פּענעל" אין שיקאַגאָ צוריקגעוויזען אונזער פאַר־

לאַנג פאַר אַ העכערונג, אָנגעבענדיג אַלס אורזאַך דעם פאַקט, וואָס אונזערע שכירות זיינען העכער ווי די שכירות אין דער גאַנצער צייטונגס־אינדוסטריע אין ניו־יאָרק, און אויב אונזערע שכירות וועלען געהעכערט ווערען, וועלען אויך נאָכפאָלגען פאַרלאַנגען פאַר גרעסערע העכערונגען אין דער ענגלישער צייטונגס־אינדוסטריע, און דאָס קען נאָך חס־ושלום פאַראומגליקען גאַנץ אַמעריקע.

ווען די יוניאָן האָט אַפּעלירט צו דער העכסטער קערפּערשאַפט אין וואַשינגטאָן (אין פעברואַר 1945), האָט די „באָאַרד" אויפגענומען בײדע „קעיסעס" צוזאַמען. בר. שיינפעלד און דער שרייבער פון די שורות, צוזאַמען מיט'ן לאָיער פון דער יוניאָן, האָבען זיך דאָרטען געפילט אַביסעל אומהיימליך, פאַרטרעטענדיג אַ יוניאָן מיט אַרום 200 מיטגלידער, בעת די לעווער בראָדערס יוניאָנס האָבען פאַרטראָטען עטליכע צענדליג טויזענט אַרבייטער. דערפאַר האָבען יענע פאַרטרעטער זיך געפילט אומהיימליך ווען מ'האָט גערעדט וועגען זייערע פאַרדינסטען פון 50־60 סענט אַ שטונדע, אין פאַרגלייך מיט אונזערע פאַרדינסטען פון איבער 2 דאָלאַר אַ שטונדע.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, האָט דער פאַרשטאָרבענער מר. ראָבערט וואַטט, דער פאַרטרעטער פון דער א. פ. אָוו ל. ביי דער „באָאַרד", נאָך דער זיצונג אַוועקגערופען מר. אַלעקסאַנדער קאַהן, מענעדזשער פון „פאָרווערטס", און צו אים אַפּעלירט ער זאָל קומען צו אַן אויסגלייך מיט דער יוניאָן, ווייל, ווי ער פאַרשטייט, וועלען די לעווער בראָדערס אַרבייטער צוליב אונז פאַרלירען זייער אַפּיל. און נאָך אַ צאָל קאָנפערענצען צווישען די פאַרטרעטער פון דער יוניאָן מיט די פּאָבלישערס, איז ענדליך דערגרייכט געוואָרען אַ פאַרשטענדיגונג אויף אַ העכערונג פון $7\frac{1}{2}$ פּראָצענט, און מר. וואַטט האָט זיך אונטערגענומען צו קריגען די גוטהייסונג פון דער „באָאַרד" אויף דער דאָזיגער פאַרשטענדיגונג.

ווען עס איז געקומען צו דער פראַגע אויף ווי לאַנג צוריק די העכערונג זאָל זיין רעטראָאַקטיוו, האָבען מיר דערגרייכט אַ קאָמפּראָמיס, וואָס האָט געעפענט אַ נייעם און וויכטיגען קאַפּיטעל אין אונזערע דערגרייכונגען — די צאָלונג פון עלטערפּענסיע. די פּאָבלישערס האָבען זיך פאַרפליכטעט צו צאָלען דעם באַטרעף פון איין טאָג אַ וואָך צו מיטגלידער וואָס דערגרייכען דעם עלטער פון 65 יאָר, זיינען באַשעפטיגט אין דער צייטונג 20 יאָר, און ווילען זיך צוריקציהען פון דער אַרבייט. און כאָטש די פאַרשטענדיגונג האָט געהאַט אַ באַגרעניצונג צו אַ געוויסער צאָל מיטגלידער אין יעדער צייטונג, האָט אָבער די יוניאָן געפילט, אַז דערמיט איז דערגרייכט געוואָרען אַ וויכטיגער געווינס, וואָס וועט שאַפען „סעקיוריטי" פאַר עלטערע מיטגלידער.

אין מאַי, 1946, האָט די יוניאָן געקראָגען נאָך אַ העכערונג פון אַרום 8 פּראָצענט, וואָס האָט געבראַכט די סקעיל צו 84 דאָלאַר אַ וואָך.

אין מאַי, 1947, איז די סקעיל געהעכערט געוואָרען אויף 90 דאָלאַר אַ וואָך, און דערצו — אַ דריטע וואָך באַצאָלטע וואַקאַציע.

אין מאַי, 1948, איז די סקעיל געהעכערט געוואָרען אויף $97.50 אַ וואָך, און דערצו איז געמאַכט געוואָרען אַן אָנהויב פון קראַנקען־בענעפיטס.

און איצט, פייערענדיג דעם 60־יאָריגען יובילײ פון דער יוניאָן, און מאַכענדיג אַ פאַרגלייך מיט דעם אידישען צייטונגס־פאַך מיט 10 יאָר צוריק, געפינען מיר אַז כאָטש דאָס איז צום ערשטען מאָל אין אונזער געשיכטע ווען אונזער סקעיל איז אַ קלענערע פון דער סקעיל אין די ענגלישע צייטונגען (פאַר טאָג־אַרבייט), אין דער צייט וואָס מיט 10 יאָר צוריק איז די סקעיל געווען אַ באַדייטענד־העכערע, און כאָטש אונזער סקעיל איז דורך דער צייט געהעכערט געוואָרען מיט בלויז 33%, אין דער צייט ווען דער יקרות איז געשטיגען מיט איבער 70%, קענען מיר אָבער זיין צופרידען דערמיט וואָס דער קרבן פון אונזער זייט האָט מעגליך געמאַכט, אַז אַלע אידישע צייטונגען זאָלען נאָך איצט עקזיסטירען און זאָלען שטיין אויף די אייגענע פיס.

*   *   *

## בוך־און־דזשאַב־פאַך

אויב מיר קענען אין דעם צייטונגס־צווייג פון אונזער יוניאָן פאַרצייכענען דורך די לעצטע צען יאָר בלויז די אויפהאַלטונג פון די עקזיסטירענדע באַדינגונגען, כאָטש מיר זיינען פינאַנציעל געבליבען הינטערשטעליג מיט גאַנצע 40 פּראָצענט לגבי דעם יקרות, האָבען מיר אָבער דערגרייכט באַדייטענדע געווינסען אין דעם בוך־און־דזשאַב־צווייג פון דער יוניאָן.

כאָטש די אָפיציעלע סקעיל אונזערע איז מיט 10 יאָר צוריק געווען אַ סך העכער ווי די סקעיל פון דער ענגלישער יוניאָן, די „ביג סיקס", האָט דאָס אָבער גאָרניט געמיינט פאַר די אַרבייטער אין דעם דאָזיגען פאַך. וואָס די אורזאַכען זאָלען ניט זיין, האָט דער אידישער „דזשאַב טרעיד" זיך אינגאַנצען אַרויסגעגליטשט פון אונזערע שעפער. איין גרעסערער שאַפּ, וואו דער כאַראַקטער פון דער אַרבייט האָט זיך געביטען, און די אידישע אַרבייט דאָרט איז כמעט פאַרשוואונדען, איז אינגאַנצען אַריבער אונטער דער יוריסדיקציע פון נומער 6. מיט דער אויסנאַם פון איין גרעסערען שאַפּ, זיינען מיר געבליבען מיט עטליכע קליינע שאַפּקעס, וואו איין זעצער האָט געאַרבייט אַ טאָג אָדער צוויי אין וואָך; כדי צו קענען ווי ס'איז מאַכען אַ לעבען, האָט איין זעצער „געדעקט" צוויי אָדער דריי אַזעלכע שאַפּקעס. אין דעם בוך־פאַך איז די לאַגע אויך ניט געווען בעסער. אַרבייט איז אין דעם פאַך געווען זייער ווייניג, און עס זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען דרוקערייען וואָס זאָלען האָבען באַשעפטיגט יוניאָן־לייט און זיי צאָלען די יוניאָן־סקעיל. עס זיינען געבליבען בלויז איינצעלנע אייגענטימער פון לינאָטיפּ־מאַשינען און קאָאָפּעראַטיווען פון עטליכע מיטגלידער פון דער יוניאָן. און זיי אַלע האָבען געזוכט אַריינצוקריגען דאָס ביסעל בוך־אַרבייט וואָס איז געווען אין מאַרק, ניט רעכענענדיג זיך מיט פרייזען און מיט אַרבייטס־שטונדען. אַזוי אַרום איז די יוניאָן געבליבען מיט אַ הויכער סקעיל, אַ סך אַ העכערע ווי די סקעיל פון נומער 6, אָבער די „באָנדלעך" דזשאַב־אַרבייט זיינען אַוועק אין די נומער 6 שעפער, און דאָס ביסעל בוך־אַרבייט, וועמענס אַרויסגעבער האָבען ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט באַצאָלען אפילו די גאַנץ־ביליגע פרייזען וואָס זיי האָבען געדאַרפט צאָלען אין ניו־יאָרק, איז אַוועקגעגעבען געוואָרען צו דרוקערייען אין פוילען, פון וואַנען עס פלעגען קומען אַגענטען און אַוועקנעמען אַהין אַ באַדייטענדע צאָל ביכער.

די לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט מיט אַמעריקע'ס אַריינטריט אין דער מלחמה. די מלחמה־פּראָספּעריטי אין לאַנד האָט, נאַטירליך, אויך געהאַט איר ווירקונג אויף דער פּרינטינג־אינדוסטריע. די נומער 6 האָט מיטאַמאָל באַדייטענד געהעכערט איר סקעיל, אַזוי אַז אונזער יוניאָן האָט זיך שוין מער ניט אָנגעשטויסען אָן אַ שטאַרקער קאָנקורענץ. פון דער צווייטער זייט האָט דער חורבן, וואָס היטלער האָט אָנגעמאַכט אין דער אידישער וועלט אין אייראָפּע, אַרויסגערופען אין דער אידישער וועלט אין אַמעריקע אַ שטאַרקע באַוועגונג צו ראַטעווען די אידישע קולטור אין דעם איינציגען ווינקעלע אויף דער וועלט, וואו די אידען זיינען געבליבען איינגעפונדעוועט סיי מאַטעריעל און סיי גייסטיג. עס האָט זיך אויך ברייט צובליט די אָרטאָדאָקסישע באַוועגונג מיט אַ גרויסער צאָל ישיבות און רעליגיעזע אינסטיטוציעס. מען האָט גענומען אַרויסגעבען אַ סך רעליגיעזע ספרים און וועלטליכע ביכער אין אידיש און אין העברעאיש. דער נאַציאָנאַלער געפיל, וואָס איז פאַרשטאַרקט געוואָרען ביי די אַמעריקאַנער אידען, אַלס רעאַקציע צו דער נאַצישער טייוועלשער אַרבייט אומצובריינגען דאָס אידישע פאָלק, האָט געשאַפען מעצענאַטען און קויפער פון ספרים און אידישע ביכער, אַזוי אַז אַ אידישע דרוקעריי איז ווידער געוואָרען אַ פּראָפיטבאַרער געשעפט. אַלע אידישע זעצער האָבען געהאַט אַרבייט, אַזוי אַז די יוניאָן האָט ניט געקענט צושטעלען גענוג לינאָטיפּ־אָפּערייטאָרס.

אַ באַדייטענדע אידישע דרוקעריי, וואָס איז איצט די גרעסטע אין אונזער יוריסדיקציע — די דרוקעריי פון די שולזינגער־ברידער — האָט זיך אין יענער צייט גענומען שנעל אַנטוויקלען, מיט זייער גוטע אויסזיכטען אין דער נאָענטער צוקונפט. די יוניאָן האָט גענומען אונטערהאַנדלען מיט די ברידער שולזינגער און אין יאַנואַר, 1944, איז פון ביידע צדדים אונטערגעשריבען געוואָרען אַ קאָנטראַקט.

דער בוך־און־דזשאַב־טרעיד איז אָבער דעמאָלט געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז מיט דער אויסנאַם פון דער איינציגער גרעסערער יוניאָן־דרוקעריי, די „פּיוטשורע פּרעס", וואו עס האָבען אויך געהערשט באַזונדערע באַדינגונגען, האָט פּאַקטיש ניט עקזיסטירט קיין יוניאָן־סקעיל, און דער קאָנטראַקט וואָס איז געשלאָסען געוואָרען מיט די ברידער שולזינגער, האָט ניט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַזירען. ער האָט בלויז פאַרגעשריבען אַ גראַדועלע העכערונג אין שכירות און אַז צום ענדע יאָר זאָלען די שכירות זיין ניט ווייניגער ווי די פון נומער 6 און ווי אין די אַנדערע דרוקערייען.

מיט דעם אויפשוואונג פון דעם בוך־און־דזשאַב־פאַך אינערהאַלב אונזער יוניאָן, איז דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט, געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז געקומען די צייט אויסצוגלייכען די באַדינגונגען פון די האַנט־זעצער און לינאָטיפּ־אָפּערייטאָרס אין די דזשאַב־דרוקערייען, פונקט ווי עס איז צווישען די ביידע פאַכען ניטאָ קיין אונטערשייד אין דער צייטונגס־אינדוסטריע און אין אַלע אַנדערע אינטערנעשאָנאַל־לאָקאַלען איבער'ן לאַנד, און אַז איצט איז די פּאַסיגע צייט אָנצוהויבען עס דורכצופירען ביסלעכווייז, אַזוי אַז אין משך פון עטליכע יאָר זאָלען די האַנט־זעצער, וואָס זיינען אייגענטליך די אמת'ע פאַכלייט, געניסען פון די זעלבע באַדינגונגען ווי די אָפּערייטאָרס.

לכתחילה האָט דער דאָזיגער פּלאַן זיך אָנגעשטויסען אָן אַ שטאַרקער אָפּאָזיציע מצד די לינאָטיפּ־אָפּערייטאָרס, אָבער נאָכדעם ווי דער ערשטער קאָנטראַקט, זינט אַ רייע יאָרען, איז אין נאָוועמבער, 1945, געשלאָסען געוואָרען מיט די באַלעבאַטים, אויסגלייכענדיג די אַרבייטס־שטונדען פון ביידע פאַכען און לאָזענדיג אַ געוויסען אונטערשייד אין די פאַרדינסטען, און נאָכדעם ווי די ווייטערדיגע קאָנטראַקטען האָבען דעם אונטערשייד אינגאַנצען אָפּגעווישט, גיבען אַלע צו, אַז דאָס איז געווען אַ געזונטער שריט און דער ריכטיגער וועג.

*   *   *

די יוניאָן שטייט איצט — צו איר 60־יאָריגען יובילעאום — אַ באַפעסטיגטע און געשטאַרקטע. אָבער ווי קענען מיר זיך פרייען דערמיט, ווען מיר ווייסען, אַז טיילווייז איז עס געקומען דורך דעם בלוטיגען מבול, וועלכער האָט פאַרפלייצט אונזער פאָלק אין דעם אייראָפּעאישען יאָמער־טאָל? לאָמיר האָפען, אַז דער קומענדיגער צענדליג יאָר וועט אונז טיילווייז פאַרגיטיגען פאַר אונזערע קאַטאַסטראָפעס, און אַז צו אונזער קומענדיגען 70־יאָריגען יובילעאום זאָל אונזער פרייד זיין אַ פולקאָמענע און ניט־צושטערטע.

# די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען באַגריסען

די שריפטזעצער־יוניאָן איז געווען איינע פון די דריי יוניאָנס, וועלכע האָבען געגרינדעט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. זי האָט אַ גרויסען חלק אין דער גרויסער און שטאַרקער טרייד יוניאָן באַוועגונג, וואָס מיר האָבען איצט.

עס זיינען נאָך דאָ פיל מענשען, וועלכע געדענקען דעם צושטאַנד פון די אַרבעטער אין אַמאָליגער צייט. די אַרבעטער זיינען געווען מאַכטלאָז צו באַשיצען זייערע אייגענע אינטערעסען: די לאַנגע שטונדען אין די סוועט־שעפער און פינסטערע פאַבריקען האָבען אים צעבראָכען פיזיש און גייסטיג. מיט דער הילף פון דער שריפטזעצער־יוניאָן זיינען נאָך יוניאָנס געבוירען געוואָרען, און אַזוי האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטען די טרייד־יוניאָן באַוועגונג אויף דער אידישער גאַס.

ווען די מאַשינען האָבען גענומען פאַרבייטען מענשליכע הענט אין דער דרוק־אינדוסטריע, און פיל אַרבייטער זיינען געווען אין געפאַר צו פאַרלירען זייערע דזשאַבס, האָט די שריפטזעצער־יוניאָן איינגעפירט אַ 4־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג.

אין יענער צייט, ווען אַנדערע יוניאָן־אַרבעטער האָבען געאַרבעט 16 און 18 שטונדען אַ טאָג, האָט עס געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין די אַרבייטער־רייען, און אויך אַנדערע אַרבייטער האָבען גענומען פאָדערען קירצערע שטונדען און בכלל בעסערע באַדינגונגען פאַר די אַרבייטער.

די שריפטזעצער־יוניאָן האָט אויך זיך גענומען צו העלפען אַנטוויקלען די איבעריגע אַרבעטער־מאַסען קולטורעל און אויף אַזאַ אופן האָט זי אַריינגעבראַכט ליכט און פרייד אין לעבען פון די אַרבעטער.

די שריפטזעצער־יוניאָן האָט אויך געשטיצט פינאַנציעל אַלע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אויף דער אידישער גאַס. די ביישטייערונג פון זייער הילף איז אומגעהויער. ניט האָבענדיג קיין גרויסע צאָל מיטגלידער, האָט זי בייגעטראָגען פּראָפּאָרציאָנעל פיל מערער ווי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ פיל גרעסערער מיטגלידערשאַפט.

מיר, די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, זיינען שטאָלץ מיט דער שריפטזעצער־יוניאָן און מיר ווינשען אייך לאַנגע יאָרען פון עקזיסטענץ. גייט אָן מיט אייער הייליגער אַרבייט, ווי איר זייט אָנגעגאַנגען ביז אַהער אין אייער קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט פאַר אַלע אונטערדריקטע, פאַר יושר און גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער מענשהייט אין אַ פרייער, גליקליכער וועלט.

ראובן גוסקין, טשערמאַן
מאָרים טיגל, וויס־טשערמאַן
וויליאַם וואָלפּערט, עקז. סעקרעטאַר



טוביה גלאַז

# מיר לעבען איבער צוויי קריזיסען אין „טאָג״

אַ באַשרייבונג וועגען דעם ווי דער „טאָג״ האָט זיך געהאַלטעןביים פאַרמאַכען און ווי אַזוי דאָס איז פאַרמידען געוואָרען. — דער סטרייק פון אַ טייל שרייבער און דער טומעל וואָס דאָס האָט אַרויסגערופען אויף דער אידישער גאַס.

אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי אונזער יוניאָן האָט פייערליך געפראַוועט איר 50־יאָריגען יובילייִ, אין חודש נאָוועמבער, 1938, האָט זיך אונזער יוניאָן געפונען פנים־אל־פנים מיט אַ זייער ערנסטען פראָבלעם: מר. דוד שאַפּיראָ, דער אַרויסגעבער פון „טאָג״, האָט דערקלערט, אַז ער איז געצוואונגען צוצומאַכען די צייטונג, ווייל ס׳געשעפט דערלייגט. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז די אַרבייטער זאָלען שניידען די שכירות, כדי די הוצאות זאָלען פאַרקלענערט ווערען. דער הויפּט־טאָן איז אָבער הויפּטזעכליך געווען געצילט געגען די 37 זעצער, וואָס האָבען צו יענער צייט געאַרבייט אין „טאָג״.

די צודרינגליכקייט מצד דעם פּאָבלישער איז געוואָרען ערנסטער און בולט׳ער פון טאָג צו טאָג, און ס׳האָט זיך געשאַפען אַ זייער אומאנגענעמע לאַגע.

די עקזעקוטיוו־קאָמיטע האָט דערוויילט אַ סוב־קאָמיטע, וועלכע זאָל זיך באַשעפטיגען מיט דעם ענין „טאָג״. די קאָמיטע איז באַשטאַנען פון די ברידער: שמואל שיינפעלד, היימאַן בלום, שעיה רזשאַווסקי און דזשייקאָב יאַפּע.

אַ דאַנק דער יוניאָנ׳ס וואַכזאַמקייט, די איבערגעגעבענע און אומדערמידליכע אַרבייט פון די באַאמטע און דער סאָב־קאָמיטע פון דער עקזעקוטיווע, איז סוף־כל־סוף געלונגען, אַז דער „טאָג״ זאָל ניט צומאַכען די טירען, ווי „דאָס טאַגעבלאַט״ האָט עס געטאָן מיט עלף יאָר פריער, אין 1928, כאָטש די קאַטאַסטראָפע האָט אויך דאַן געקענט אויסגעמיטען ווערען.

אין אָנפאַנג פון חודש מאַי, 1939, איז אויף דעם פאַרלאַנג פון מר. דוד שאַפּיראָ פאָרגעקומען אַ זיצונג ביי אים אין אָפיס, וואו ס׳זיינען אָנוועזענד געווען די ברידער: שעיה רזשאַווסקי, דער טשערמאַן פון שאַפּ; דזשייקאָב דזשאַפּע, דער סעקרעטאַר, און איך, ווי דער פּרעזידענט פון אונזער יוניאָן.

ביי דער דאָזיגער זיצונג האָט מר. שאַפּיראָ דערקלערט, אַז ער פאַרהאַנדעלט מיט מר. איזראַעל פרידקין, דעם אַרויסגעבער פון „מאָרגען־זשורנאַל״, ער זאָל אָפּקויפען דעם „טאָג״, און אַז מר. פרידקין פּלאַנט צו מאַכען אַ „מוירדזשער״, וואָס מיינט אין פּשוט׳ע ווערטער: די צומאַכונג פון „טאָג״.

דאָ האָט זיך שוין ניט געהאַנדעלט פון בלויז סברות, נאָר וועגען אַ פאַקט, וואָס קען פאַרווירקליכט ווערען יעדען טאָג.

איז די ערשטע אויפגאַבע אונזערע געווען צו באַזייטיגען דעם דאָזיגען „מוירדזשער״.

איך האָב זיך געשטעלט אין טעלעפאָנישער פאַרבינדונג מיט מר. פרידקין און אַראַנזשירט אַ קאָנפערענץ אויף דינסטאָג, דעם 16־טען מאַי. חוץ מר. פרידקין און זיין שותף, מר. מאַל־קינסאָן, זיינען פון אונזער זייט געווען די ברידער קליאַנסקי, בלום, ראָזענבלום און איך. מיר האָבען אַפּעלירט צו מר. פרידקין, אַז ער זאָל דעם „מוירדזשער״ ניט דורכפירען, ווייל דאָס וועט מיינען, אַז ער וועט מאַכען ברויטלאָז 150 פאַמיליעס, וועלכע ציען זייער חיונה פון „טאָג״. אָבער ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָט די געשעפטליכע זייט געהאַט מער פעולה ווי אונזער אַפּיל, און ויכבד לב וכו׳... נו, אויב אַזוי, האָבען מיר אים געגעבען געשעפטליכע אַרגומענטען, און מיר האָבען קלאָר געמאַכט, אַז דער גאַנצער עסק וועט זיך אים ניט לוינען — און די דאָזיגע געשעפטליכע אַרגומענטען האָבען געווירקט.

אונזער ערשטער סטראַטעגישער צוג האָט אונז געפירט צו ווייטערע דערגרייכונגען אין דער גאָר נאָהענטער צוקונפט.

מר. דוד שאַפּיראָ איז, לויט אַלע וואַרשיינליכקייטען, געצוואונגען געוואָרען פון זיינע זין, אַז ער זאָל פאַרקויפען די צייטונג. ווען זיינע זין האָבען אָבער דערזען, אַז מר. פרידקין איז שוין מער ניט קיין „קאָסטאָמער״ פאַר דער צייטונג, האָבען זיי אים געהייסען פאָרצולייגען פאַר די זעצער און שרייבער אָפּצוקויפען דעם „טאָג״. דעם אמת געזאָגט, איז דער דאָזיגער פּלאַן זייער שטאַרק געפעלען געוואָרען מר. שאַפּיראָ׳ן. ווייל ווען עס וואָלט פאַרקויפט געוואָרען צו מר. פרידקין, וואָלט דאָך דאָס געמיינט דער סוף פון „טאָג״. נאָך אַלעמען איז דאָך דער „טאָג״ געווען זיינס אַ האָדעוואַניק...

דורך דער צייט איז מר. שאַפּיראָ קראַנק געוואָרען. עטליכע וואָכען זיינען דורכגעלאָפען און ס׳איז מיט דער הילף פון לאָיער גריביטץ, מר. שאַפּיראָ׳ס אַ פריינט און פערזענליכער לאָיער, אַראַנזשירט געוואָרען אַ קאָנפערענץ מיט מר. שאַפּיראָ אין גריביטצ׳עס אָפיס.

ווען מר. שאַפּיראָ איז אַריינגעטראָטען אין קאָנפערענץ־צימער, איז אונז אַלעמען אַריבער אַ סקרוך איבער׳ן לייב און אַ ציטער האָט דורכגענומען ס׳האַרץ... עפּעס גאָר ניט דער שאַ־



פּירא פון נעכטען און אייערנעכטען! פאַר אונז איז געשטאַנען ניט דער שטאָלצער, ברייטביינערדיגער איד, נאָר אַ נעבעכדיגער, טרייסלענדיגער, האַלב־פּאַראַליזירטער זקן... און טרערען האָבען זיך געהאַלטען אין גיסען פון זיינע האַלב־אָפענע אויגען...

אַ מאָדנע שטילקייט האָט געהערשט אינ׳ם צימער. קיינער האָט ניט געוואַגט אַ וואָרט אַרויסצורידען.

ענדליך, נאָך גרויסער אָנשטרענגונג, גיט ער אונז איבער דעם „מעסעדזש״ פון זיינע לעבעדיגע יורשים. אָבער ער פאַרגעסט ניט דאָס וויכטיגסטע — דעם פּרייז: דריי הונדערט טויזענט דאָלאַר.

נאַטירליך איז די סומע געווען צו גרויס פאַר אונזערע בידנע כוחות, און קיין מעצענאַט צו קויפען די צייטונג איז גאָר ניט בנמצא.

דער דרוק פון די בני שאַפּיראָ איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ביי אַ געוויסער קאָנפערענץ, ווען זיי האָבען אונז געזאָגט, אַז אין צוויי וואָכען אַרום מאַכען זיי צו די צייטונג, האָבען מיר אויף דעם געענטפערט, אַז זיי קענען טאָן וואָס זיי ווילען, אָבער מיר האָבען זיי געוואָרענט, אַז מיר זיינען גרייט אַרויסצוגעבען גלייך אויף מאָרגען „אַ נייעם טאָג״, און אַז מיר האָבען צוגעגרייט די פולע מאַשינעריע און אַלץ איז שוין פולקאָם אָרגאַניזירט געוואָרען.

לויט דעם טאָן און שטייגער, ווי אַזוי די וואָרנונג אונזערע איז זיי קלאָר געזאָגט געוואָרען, האָבען די בני שאַפּיראָ זיך היפּש אָפּגעקילט און האָבען אויפגעהערט צו סטראַשען צוצומאַכען די צייטונג.

דער סוף איז געווען דאָס געוויסע מעגליכע עקאָנאָמיעס אין די פאַרשידענע דעפּאַרטמענטס זיינען געמאַכט געוואָרען. דערצו האָבען די זעצער און שרייבער, דורך זייערע באַטרעפענדע יוניאָנס, געגעבען אַ הלוואה פון 25 טויזענט דאָלאַר צו דוד שאַפּיראָ און זיינע זין. 12½ טויזענט האָט געגעבען אונזער יוניאָן און 12½ טויזענט — די שרייבער־יוניאָן. דער דאָזיגער אָפּשלוס איז פאָרגעקומען דעם 10־טען יוני, 1939.

* * *

מיט׳ן טויט פון דוד שאַפּיראָ, דעם 2־טען נאָוועמבער, 1940, הויבט זיך אָן אַ נייַ קאַפּיטעל אין דער עקזיסטענץ פון „טאָג״.

די בני־שאַפּיראָ, די „אָרימע יתומים״, וועמען דער פאָטער זייערער האָט איבערגעלאָזען אַ ירושה פון פּעקטאָריס, גרויסע געשעפטס־בנינים און סתם מזומנים אין די גאָר הויכע ציפערן — זיי האָט גאָר ווינציג געשמעקט דער עסק צו זיין פּאָבלישערס פון אַ אידישער צייטונג. איז טאַקע איצט, אַז דער טאַטע, דער אַלטער, איז שוין מער אין וועג זיי ניט געשטאַנען, האָבען זיי באַשלאָסען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָדער צו פאַרקויפען, אויב ניט, פאַרמאַכען די צייטונג און פּטור אַן עסק!

זעענדיג מיט וועמען מ׳האָט דאָ באמת צו טאָן, זיינען די זעצער און שרייבער געוואָרען „ביזי״ מיט זוכען קונים, טאָג־איין, טאָג־אויס, נאַכט־איין, נאַכט־אויס, און ניט מיט איינעם פון די פּראָספּעקטיווע קויפער האָט מען טיי געטרונקען מיט פאַרבייסעכץ, און אפילו צוביסלעך יי״ש גענומען — אָבער צו תכלית איז עס נאָך אַלץ ניט געקומען.

### דער סטרייק פון די שרייבער

און גראָד האָט צוגעשפּילט צו דעם, אַז פּראָספּעקטיווע קונים זאָלען זיך אָפּטרייסלען פון צו קויפען דעם „טאָג״ דער ריס אין דער שרייבער־משפחה אין „טאָג״, וואו צען קאָלעגען זייערע האָבען פאַרלאָזען די רייען פון זייער יוניאָן, דעם י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, און זיינען אַריינגעטראָטען אין דער „גילד״, די יוניאָן פון די ענגלישע שרייבער, צו וועמען עס באַלאַנגען אויך די אָנגעשטעלטע אין די אָפיסעס פון אַלע צייטונגען.

אָט דער ריס, דער דואַל־יוניאָן צושטאַנד אין דער רעדאַקציע און די צעשפּליטערונג צווישען די שרייבער איז, נאַטירליך, געווען דער שווער־פּונקט, וואָס האָט גורם געווען, אַז אַלע פּראָספּעקטיווע קויפער האָבען זיך מורא געהאַט צוצורירען צום „טאָג״ ווי צו הייסע קוילען. און אין דער אמת׳ן — ווער וויל דאָס לייגען אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקען בעט?

ויהי היום, איז דערגאַנגען צו אַזאַ שטופּע, אַז פרייטאָג, דעם 14־טען פעברואַר, 1940, האָט די „גילד״ דערקלערט אַ סטרייק אין „טאָג״ און אַ פּיקעט־ליין האָט זיך פאָרמירט פאַר׳ן אָפיס פון דער צייטונג.

זונטאָג, דעם 16־טען פעברואַר, איז דערשינען אַ דערקלערונג פון אונזער יוניאָן, וועלכע איז געווען געדרוקט אין „טאָג״, „פאָרווערטס״, „מאָרגען־זשורנאַל״ און „פרייהייט״, אין וועלכען עס ווערט, צווישען אַנדערעס, געזאָגט:

„ווי פיינליך עס זאָל ניט זיין אַרויסצוקומען מיט אַ דערקלערונג געגען אַ גרופּע אַרבייטער, וועלכע געפינען זיך אין אַ סטרייק, דאָך מוז, למען האמת, געזאָגט ווערען, אַז דער סטרייק, וואָס די „גילד״, אַ סי. אַי. אָ. קערפּערשאַפט, האָט אַרויסגערופען אין „טאָג״ איז אַן אומגערעכטער ניט בלויז געגען דער צייטונג, נאָר געגען די אַלע יוניאָן־אַרבייטער, וואָס זיינען דאָרט באַשעפטיגט...

„דער „טאָג״ באַשעפטיגט בלויז יוניאָן־אַרבייטער זינט דעם ערשטען טאָג פון זיין דערשיינונג; אין „טאָג״ זיינען באַשעפטיגט שריפטזעצער פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן, נומער 83, אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן; מאַשין־טענדערס פון לאָקאַל נומ׳ 6, אַי. טי. יו.; סטערעאָטאַיפּערס פון דער סטערעאָטאַיפּערס יוניאָן נומער 1; מעילערס פון מעילערס יוניאָן נומער 6, אַי. טי. יו; ניו־יאָרק ניוספּייפּער פּרינטינג פּרעסמענ׳ס יוניאָן נומער 2; פּעיפּער־הענדלערס יוניאָן נומער 1. די אַלע אויבענדערמאָנטע יוניאָנס באַלאַנגען צום עלאַיד פּרינטינג טרעידס קאָונסיל אָוו גרעיטער ניו־יאָרק און זיינען אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר יוניאָנס. די „גילד״, אַריינגנעמענדיג די צען שרייבער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין „טאָג״, האָט זיך אַריינגעריסען אין דער יוריסדיקציע פון אַן אַנדער יוניאָן, דעם י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, וועלכער עקזיסטירט שוין כמעט דרייסיג יאָר...״

אויך איז דעם זעלבען טאָג דערשינען אין „טאָג״ אַ דערקלערונג פון די זעצער אין דער צייטונג. אין דער דאָזיגער דערקלערונג ווערט געזאָגט:

„די גילד האָט אַרויסגעלאָזען אַ ליפלעט, אַז דער „טאָג״ איז אַ סקעב־צייטונג, ד. ה., אַז דאָרטען אַרבייטען סקעבס.

„דאָס איז אַ געמיינער ליגען, ווייל זינט דער „טאָג״ דערשיינט, אַרבייטען בלויז יוניאָן־אַרבייטער אין אַלע זיינע אָפּטיילונגען — און אַלע יוניאָנס זיינען אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר יוניאָנס.

„די שריפטזעצער וואָס אַרבייטען אין „טאָג״ זיינען אַלע מעמבערס פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן, נומער 83, פון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן.

„אויך אַלע אַנדערע אַרבייטער, ווי: די פּרעסמען, סטערעאָטאַיפּערס, מעילערס, מעיל דעליווערערס, מאַשין־טענדערס — זיינען אַלע מיטגלידער פון יוניאָנס, וועלכע זיינען אַפיליאירט מיט דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר.

„בלויז אומפאַראַנטוואָרטליכע מענשען קענען דערקלערען דעם „טאָג״ אַלס סקעב־צייטונג״.



מ. ראָזענמאַן

# נייע צייטן — נייע פּראָבלעמען פאַר אַ נייעם פּרעזידענט

דאָס יאָר 1946 אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאָן. — די פּראָבלעמען פון דעם נאָך מלחמה־פּעריאָד און ווי אונזער יוניאָן האָט זיי באַגעגנט.

דאָס ערשטע יאָר אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד איז געווען דאָס יאָר 1946. נייע פּראָבלעמען זיינען דאַן געשטאַנען פאַר דער מענטשהייט איבעראַל — פּראָבלעמען פון אויפבוי און איבערבוי.

אויך אין אונזער קליין וועלטעל, אין אידישען דרוקער־פאַך און אין אונזער יוניאָן, זיינען דאַן אויפגעקומען נייע פּראָבלעמען, וועלכע עס האָט באַגעגנט די ניי־אַריינגעקומענע אַדמיניסטראַציע אָנהויב יאָר.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלען צו פאַרנעמען דעם אַמט פון פּרעזידענט אין אונזער יוניאָן אין יענעם יאָר, 1946.

דער פּרעזידענט־אַמט אין אונזער יוניאָן ברענגט ניט אַריין, כידוע, קיין געלט אָדער כבוד. די באַפרידיגונג באַשטייט אין דעם, וואָס ביים דורכפירען די פליכטען פון דער יוניאָן, קאָן מען העלפען מענשען זיך שטעלען אויף די פיס.

אין דעם נאָך־מלחמה יאָר, 1946, זיינען אַזעלכע געלעגענהייטען געווען אַ סך.

אמת, קיין אַרבייטסלאָזע זיינען דאַן ניט געווען אין אונזער יוניאָן. פאַרקערט, ס׳איז גאָר געווען אַ פּראָבלעם ווי צו באַזאָרגען אונזערע שעפּער מיט גענוג קאָמפּעטענטע זעצער.

דערפאַר איז אָבער אין אָט דער צייט אונזער יוניאָן־אָפיס געווען דער פלאַץ וואוהין עס פלעגען זיך ציען די אַריבערגעקומענע, געראַטעוועטע אידען פון אייראָפּע, און צוריקגעקערטע פון דער מלחמה אַמעריקאַנער אידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן געוואָלט ווידער זיך נעמען צום זעצער־פאַך, ביי וועלכען זיי האָבען פריער געאַרבייט. אָט דער מענשען־מאַטעריאַל האָט זיך גענויטיגט אין אַ גרינדלעכער פּסיכאָלאָגישער און טעכנישער צוגרייטונג. מיר האָבען געזוכט, און אָפּט געפונען, די מעגלעכקייטען זיי צו רעהאַביליטירען טעכניש און אַריינציען זיי אין דער משפּחה פון גוטע מיטגלידער אין אונזער יוניאָן.

אַרבייט אין אונזערע שעפּער איז דאַן גראָד געווען אַ סך. דורך די יאָרען פון מלחמה, ווען די וויכטיגסטע אידישע ישובים אין אייראָפּע זיינען חרוב געוואָרען, און צוזאַמען מיט זיי אויך די אידישע דרוקערייען און פאַרלאַגען — איז ניו־יאָרק געוואָרען דער וועלט־צענטער פאַר אידישען בוך־דרוק. דאָ אין ניו־יאָרק האָט מען אויך באַדאַרפט פּראָדוצירען די ספרי־קודש וואָס פלעגען פריער פּראָדוצירט ווערען אין די באַרימטע דרוקערייען פון פּוילען און ליטע.

גליקליכערווייז האָבען זיך געהאַט געראַטעוועט פון חורבן־אייראָפּע אַ צאָל גוטע אידישע זעצער, וועלכע זיינען נאָך אין אָנהויב מלחמה געקומען אַהער פון פּאַריז. אונזער יוניאָן האָט זיי אויפגענומען ברידערליך און זיי אָנגעשטעלט אויף דזשאָבס.

איינער פון די אַריבערגעקומענע זעצער פון פּאַריז, בנימין וואַלד, איז שפּעטער צוגענומען געוואָרען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ער האָט זיך דאָרט שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיין קענטעניש פון פיל שפּראַכען און אַלגעמיינער הויכער אינטעליגענץ און איז געשטיגען צו אַ הויכען ראַנג. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט מיט דער מפּלה פון די נאַציס און די זיגרייכע אַליירטע האָבען זיך גענומען גרייטען צו משפּט׳ן די מלחמה־פאַרברעכער, איז ברודער וואַלד איינגעלאַדען געוואָרען פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי צו דינען אַלס הויפּט־איבערזעצער ביי דעם פּראָצעס אין נירענבערג. דערווייל האָט ער זיך נאָך צום דרוקער־פאַך ניט צוריקגעקערט.

אָט די אַריבערגעקומענע זעצער פון פּאַריז זיינען געווען פון די גליקליכערע. זיי האָבען ניט דורכגעמאַכט די שוידערליכע דערפאַרונגען פון די געטאָס, די קאָנצענטראַציע־לאַגערען און די שטענדיגע שרעק פאַר די גאַז־קאַמערען. זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע גאַנץ אין קערפּער און אין גייסט, און זיינען שנעל געוואָרען ניצליכע מיטגלידער פון אונזער יוניאָן. זיי האָבען שפּעטער פיל געזאָרגט און אַליין אַרויסגעהאָלפען מיט שפּייז און קליידער זייערע ווייניגער־גליקליכע קאָלעגען און זייערע פאַמיליעס, וואָס זיינען פאַרבליבען אין פראַנקרייך, אָדער זיך געראַטעוועט אַהין פון מזרח־אייראָפּע.

אַ גאַנץ אַנדער עלעמענט זעצער האָט זיך אָנגעהויבען באַווייזען אין ניו־יאָרק נאָכ׳ן סוף פון דער מלחמה. דאָס זיינען געווען פון די סאַמע אומגליקליכסטע פון אונזערע אייראָפּעאישע ברידער: מענשען וועלכע זיינען געשטאַנען יאָרענלאַנג פּנים אל פּנים מיט׳ן טויט... אַזוי ווי אָפּגעסמאַליעטע האָלאָוועשקעס, וואָס פאַרבלייבען נאָך אַ שריפה, אַזוי זיינען צוגעשוואומען צו



אונזערע ברעגען אָט די, וועמען דער צופאַל, אָדער שיקזאַל, האָט איינגעהיט פון פאַרניכטונג...

פון צייט צו צייט פלעגען קומען אין אָפיס פון דער יוניאָן אַזעלכע יונגע און מיטעליאָריגע אידען, וואָס זיינען געווען אַמאָל זעצער, אָדער וואָלטען געוואָלט זיך אויסלערנען דעם פאַך. אַמאָל פלעגט פאַר אַזעלכען זיך משתדל זיין אַ באַוואוסטע פּערזענליכקייט און אַמאָל איז דער אַפילו געקומען דורך דעם אידען׳ס טרויעריגע אויגען און דעם אויסגעברענטען צייכען אויף זיין אָרעם...

די פּראָבלעם איז געווען ווי אַזוי צו רעהאַביליטירען און צוגרייטען אָט דעם זעצער־מאַטעריאַל, וועלכער האָט שוין לאַנג בכלל קיין דרוקעריי ניט אָנגעקוקט, און איז דערצו איבערהויפּט ניט באַקאַנט מיט דעם היגען מעטאָד פון אַרבייט.

עס איז געווען נויטיג, צו אַלעם ערשטען, אַרויסווייזען אַזאַ מענשען אַ וואַרימען און פריינדליכען אינטערעס, פאַרטרייבען פון איהם די מרה־שחורה. דערנאָך האָט מען געדאַרפט געפינען פאַר אים אַ פלאַץ אין אַ דרוקעריי, וואו ער זאָל זיך קענען צוביסלעך אויסלערנען די היגע אַרבייטס־מעטאָדען.

דאָס האָבען מיר טאַקע געטאָן. און אַ דאַנק אָט דער העלפענדער האַנט, וואָס די יוניאָן האָט זיי אויסגעשטרעקט, זיינען אונזערע רייען באַרייכערט געוואָרען מיט אַ צאָל גוטע זעצער.

ניט בלויז פאַר אימיגראַנטען פון אייראָפּע האָט אונזער יוניאָן געהאַלטען אָפען איר האַרץ און אירע טירען. נאָך דער מלחמה האָבען זיך צוריקגעקערט פון דער אַרמיי קינדער און קרובים פון אונזערע מיטגלידער, וועלכע האָבען געזוכט אַ מעגליכקייט זיך אויסלערנען אַ טרעיד, אָדער פאָרזעצען דעם זעצער־פאַך, וועלכען זיי האָבען געמוזט איבעררייסען, ווען זיי זיינען גערופען געוואָרען צו קעמפען געגען די נאַציס און פאַשיסטען. די יוניאָן האָט זיי געהאָלפען, און זיי זיינען שפּעטער געוואָרען מיטגלידער פון אונזער יוניאָן.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם כסדר צופליסענדיגען שטראָם פון נייע זעצער, האָט אונזער יוניאָן נאָך אַלץ ניט געקענט פולשטענדיג צופרידענשטעלען דעם וואַקסענדען פאַרלאַנג פון די דזשאַב־דרוקערייען און צייטונגען פאַר געניטע זעצער.

שולדיג אין דעם איז אויך געווען דער פאַקט, וואָס צוליב׳ן מאַנגעל אין לינאָטיפּ־מאַשינען אין אונזערע דזשאַב־שעפּער, האָבען די פאַרלאַנגטע זעצער באַדאַרפט אַרבייטען אויפ׳ן ביינאַכטיגען „שיפט“, וועלכער באַשטייט אין דזשאַב־דרוקערייען פון דער זעלבער צאָל שטונדען ווי דער בייטאָגיגער, און פאַר דעם זיינען קיין פיל בעלנים ניט געווען. קיין נייע מאַשינען האָט מען ניט געקענט קריגען, ווייל אין די מלחמה־יאָרען האָבען לינאָטיפּ־פעקטאָריס גאָר פּראָדוצירט געווער. ס׳איז געקומען צו אַ שטופּע, וואָס אידישע דרוקערייען פלעגען זיך אָפּזאָגען איינגאַנצען פון אָננעמען אידישע ביכער צום דרוקען, אָפּגעזען פון פּרייז.

פאַרטרעטער פון אידישע פאַרלאַגען און מחברים פלעגען קומען אין דער יוניאָן מיט טענות און בקשות און וועגען צושטעלען זעצער צו זייערע דרוקער, כדי מ׳זאָל קענען אַרויסגעבען זייערע ביכער. די פאַרלעגער און מחברים זיינען געווען אונטער׳ן איינדרוק, אַז די יוניאָן וויל ניט אַריינגעמען נייע מיטגלידער. מיט אַזאַ באַשולדיגונג איז אַרויסגעטראָטען אין דער „פרייער אַרבייטער שטימע“ איר רעדאַקטאָר, דר. ה. פראַנק. ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזען אין זיין צייטונג מיט עטליכע אַרטיקלען, באַשולדיגענדיג אונזער יוניאָן אין וועלען „דערשטיקען דעם אידישען בוך“.

איך האָב געענטפערט מיט אַ לענגערען אַרטיקעל אין „פרייע אַרבייטער שטימע“, וואו איך האָב אָנגעוויזען אַלע אמת׳ע פאַקטען, וואָס פאַראורזאַכען אַ צייטווייליגען אָפּהאַלט אין נאָרמאַליזירען די דרוק־אַרבייט, און אַז די יוניאָן טוט אַלץ אין אירע כוחות צו פאַרבעסערען די לאַגע, וועלכע איז ניט בלויז אַ אידישע צרה, נאָר אַן אַלגעמיינע.

אין דער זעלבער צייט האָט די יוניאָן געזוכט מיטלען ווי אַזוי אָפּצושטעלען דעם שטראָם פון זעצער פון די דזשאַב־דרוקערייען אין די צייטונגען.

יעדעס מאָל ווען אַ דערפאַרענער זעצער האָט פאַרלאָזט זיין פלאַץ אין אַ דזשאַב־דרוקעריי און איז אַריבער אין אַ צייטונג, האָט דער באַלעבאָס פון דער דרוקעריי געהאַט שטאַרקע טענות צו דער יוניאָן. איינער פון אַזעלכע באַלעבאַטים„ ע. לאַוב, וועלכער איז אויך אַ מיטגליד פון דער יוניאָן, איז געקומען צו דער עקזעקוטיווע זיך באַקלאָגען, ווען איינער פון זיינע זעצער איז אַריבער אין „פאָרווערטס“.

די עקזעקוטיווע האָט דאַן (זומער, 1946) אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז קיין זעצער טאָר ניט איבערגיין אין אַן אַנדער שאַפּ אָן דער צושטימונג פון דער עקזעקוטיווע. די יוניאָן האָט באַצוועקט מיט דעם צו פאַרמיידען אַ כאַאָס אין דזשאַב־טרעיד, און ניט דערלאָזען אַז צייטונגס־שעפּער זאָלען „אַריינכאַפּען“ זעצער.

אָט דער באַשלוס אַליין וואָלט ניט געהאַט די פולע ווירקונג, ווען צו דעם וואָלט שפּעטער אויך ניט צוגעהאָלפען דער פאַקט, וואָס די שכירות און אַנדערע אַרבייטס־באַדינגונגען אין די דזשאַב־שעפּער האָבען זיך באַדייטענד פאַרבעסערט.

די נייע דזשאַב־סקעיל, וואָס איז אַריין אין קראַפט סוף יאָר 1946, האָט באַטראָפען 90 דאָלאַר פאַר די אָפּערייטאָרס און 85 דאָלאַר פאַר די האַנט־לייט. אַזוי אַרום איז דער אונטערשייד אין די אַרבייטס־באַדינגונגען צווישען מאַשין־און האַנט־זעצער געבראַכט געוואָרען צו אַ מינימום. די צאָל אַרבייטס־שטונדען איז שוין פון פריער אויסגעגליכען געוואָרען און איצט זיינען אויך די שכירות געבראַכט געוואָרען זייער נאָענט, מיט׳ן אויסקוק אַז ביי דער נעקסטער סקעיל־ענדערונג זאָלען אויך די שכירות פון די צוויי זעצער־קאַטעגאָריעס אויסגעגליכען ווערען. דאָס איז טאַקע דערגרייכט געוואָרען ביי דער לעצטער סקעיל־ענדערונג אין 1948, ווען איין סקעיל פון $97.50 אַ וואָך איז איינגעשטעלט געוואָרען.

מיט׳ן אָפּשטעל פון מלחמה און באַפרייאונג פון אייראָפּע, האָבען אָנגעהויבען אָנקומען צו אונזערע מיטגלידער ווענדונגען נאָך שטיצע פון קאָלעגען זעצער, פריינט און זייערע פאַמיליעס, וועלכע זיינען געבליבען לעבען, און געפינען זיך אין פראַנקרייך אָדער אין פּוילען. עס זיינען אויך אָנגעקומען פאַרלאַנגען פאַר מער הילף, דירעקט צו דער יוניאָן, און דורכ׳ן אָפיס פון אידישען אַרבייטער קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, פון זעצער אין פּוילען, רומעניע און אַפילו פון ווייטען אַפריקע.

מיר האָבען זיך אויף די בקשות וואַרים אָפּגערופען. געלט און פּעקלעך מיט קליידער און שפּייז איז פון אונזער יוניאָן אַרויסגעשיקט געוואָרען צו זעצער און זייערע פאַמיליעס אין אייראָפּע. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען מערסטענס פון מיטגלידער, וועלכע זיינען אַליין ניט לאַנג אַריבערגעקומען פון אייראָפּע, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די ברידער ראַוזען, האָט זיך אָפּגעגעבען מיט׳ן דורכפירען די הילפס־אַרבייט.

ווען יעקב פּאַט, פאָרשטייער פון אידישען אַרבייטער קאָמיטעט, האָט אין 1946 באַזוכט פּוילען, האָט ער אין נאָמען פון אונזער יוניאָן געגעבען די אידישע זעצער פינף הונדערט דאָלאַר, מיט וועלכע ס׳איז דאָרטען געגרינדעט געוואָרען אַ ליי־קאַסע פאַר׳ן זעצער־קאָלעקטיוו.

מיר מעגען באמת זיין שטאָלץ מיט אונזער יוניאָן, וועלכע איז צו זעכציג יאָר נאָך יונג, מעכטיג און איז שטענדיג אויף דער וואַך צו באַשיצען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון אירע מיטגלידער, און צו טאָן איר פליכט פאַר׳ן כלל.



מ. גאָלדינג

# עמוירדזשענסי רעליף־פאָנד איצט אויך אַ יובילאַר

ס׳איז געוואָרען 25 יאָר זינט דער גרינדונג פון אָט דעם פאָנד. — אַביסעל זכרונות און אַן אָפּשאַצונג.

דער היינטיגער יום־טוב פון אונזער יוניאָן איז אַ דאָפּעלטער. ערשטענס, פייערן מיר 60 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון אונזער יוניאָן. זעכציג יאָר איז אַ וויכטיגע דאַטע. געוויינליך ווען אַ מענש ווערט זעכציג יאָר אַלט, טרעט ער אַריין אין דעם עלטער פון שוואַכקייט. אָבער אונזער יוניאָן איז איצט שטאַרקער און פעסטער ווי זי איז ווען געוועזן, און דעריבער איז אונזער שמחה אַ גרויסע און באַרעכטיגטע.

אָבער צוזאַמען מיט דעם 60־יאָריגען יום־טוב פון דער יוניאָן פייערן מיר איצט אויך דעם 25־יאָריגען יובילײ פון דעם עמוירדזשענסי רעליף־פאָנד פון אונזער לאָקאַל. ס׳איז נישט קיין נייעס, אַז אַרבייטער־יוניאָנס זאָלען, אויסער די ספּעציפישע אַרבייטער־אינטערעסען און דעם קאַמף צווישען אַרבייטער און באַלעבאָס, אויך זיין אינטערעסירט אין בענעפיטען פאַר דעם אַרבייטער אין זיין פּערזענליכען לעבען. אינסטיטוציעס פאַר דעם צוועק ווערען געגרינדעט, אָבער גאַנץ אָפט גייען זיי אונטער. דעריבער ווען מיר האָבען זוכה געווען, אַז דער עמוירדזשענסי־פאָנד פון אונזער יוניאָן איז געוואָרען אַלט אַ פערטעל יאָרהונדערט און שטייט איצט אין זיין גרעסטער בליהונג, מעגען מיר מיט שטאָלץ באַצייכענען אָט־די דאַטע און גראַטולירען אונזער יוניאָן, און ספּעציעל די אַלע וואָס זיינען טעטיג אין אָט־דער אַרבייט, מיט דעם געוואַלדיגען אויפטו.

ס׳איז כדאי צו געבען איצט, צו דעם יובילעאום פון דעם פאָנד, אַ קורצען איבערבליק איבער דער גרינדונג און די טעטיקייטען פון דעם פאָנד פאַר די יאָרען וואָס ער עקזיסטירט.

אין יאָר 1914 האָט אונזער יוניאָן געגרינדעט אַ „לאָון־פאָנד" דורך באַשטייערען די מיטגלידער מיט איין פּראָצענט פון זייערע פאַרדינסטען פאַר אַ יאָר צייט. די סומע, וואָס איז אַריינגעקומען פאַר דעם צוועק, איז געווען אַ קליינע און האָט ניט געקענט צופרידענשטעלען די נויטען פון די מיטגלידער אין אַן אומגליקס־פאַל.

האָט פּאַסירט, אַז אין דעצעמבער, 1921, איז אַ מיטגליד פון דער יוניאָן זייער קראַנק געוואָרען, אַזוי אַז ער האָט שוין מער ניט געקענט זיך אומקערען צוריק צו דער אַרבייט. ער האָט געהאַט אַ ווייב און צוויי קינדער, וועלכע זיינען געבליבען ווי אויפ׳ן וואַסער, און זיי האָבען זיך געווענדט צו דער יוניאָן נאָך הילף.

אָן לאַנגע שהיות איז אין אָנהויב יאָר 1922 געגרינדעט געוואָרען דער „עמוירדזשענסי רעליף־פאָנד", וועלכער האָט פאַר דער פאַמיליע אַראַנזשירט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. די פאָרשטעלונג, צוזאַמען מיט אַנדערע איינקונפטען, האָט אַריינגעבראַכט די סומע פון 3,155.50 דאָלאַר. ס׳איז גלייך געקויפט געוואָרען אַ געשעפט פאַר דער פרוי פאַר דער סומע פון 2,500 דאָלאַר, אַזוי אַז די פרוי האָט געקראָגען אַ קוואַל פאַר חיונה. אין דער קאַסע איז, נאָך אַנדערע אויסגאַבען, פאַרבליבען 407.70 דאָלאַר.

אָט־דער אומגליקס־פאַל איז געווען אַ לעקציע פאַר אונזער יוניאָן. מ׳האָט איינגעזען די גרויסע נוצליכקייט פון דעם פאָנד און די מיטגלידער האָבען מיט ברען זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט צו פאַרגרעסערען אים און אויסצובררייטערען זיינע טעטיקייטען.

ס׳איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז יעדער מיטגליד מוז צאָלען 50 סענט אַ מאָנאַט פאַר דעם פאָנד. אָבער די סומען געלט, וואָס זיינען אַריינגעקומען, זיינען ניט געווען גענוגענד אויף צו אָפּערירען די אינסטיטוציע לויט די אויפגאַבען, וואָס דער פאָנד האָט זיך געשטעלט.

ס׳זיינען דעריבער פאַר אַ צאָל יאָרען איינגעפירט געוואָרען די באַוואוסטע „שריפטזעצער־אָווענטען", וועלכע זיינען געוואָרען אַ שם־דבר אויף דער אידישער גאַס. צו די אָווענטען פלעגען זיך צוזאַמענקומען די פני פון דער אידישער אינטעליגענץ און אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס. אַ גאַנצען יאָר פלעגט מען אַרויסקוקען אויף דעם אָווענט. מיט פרייד קענען מיר אָנצייגען אויף אַ צאָל גרויסע קינסטלער, וועלכע פלעגען אויפטרעטען ביי אָט־די אָווענטען, קינסטלער פון דער אָפּערא ווי טיטאַ רופאָ און יאַן פּיערס; גרויסע חזנים ווי הערשמאַן און לייבעלע גלאַנץ; טעאַטער־און ראַדיאָ־סטאַרס ווי פּאול מוני, מאָריס שוואַרץ, מאַלי פּיקאָן, אהרן לעבעדעוו, לודוויג זאַץ און פיל־פיל אַנדערע.

מיר קענען מיט שטאָלץ באַצייכענען, אַז דער עמוירדזשענסי רעליף פאָנד, וועלכער האָט זיך מיט 25 יאָר צוריק אָנגעהויבען מיט דער באַשיידענער סומע פון 407 דאָלאַר, פאַרמאָגט איצט איבער 20 טויזענט דאָלאַר. די צאָלונגען פון 50 סענט אַ מאָנאַט, וואָס מיטגלידער פלעגען צאָלען צו דעם פאָנד, זיינען דארום אָפּגעשטעלט געוואָרען. צוליב דער מלחמה זיינען אויך אָפּגעשטעלט געוואָרען די „שריפטזעצער־אָווענטען".

דאָס אַלץ בנוגע דער פינאַנציעלער זייט פון דעם רעליף־פאָנד.

וואָס אָנבאַלאַנגט די טעטיקייטען און אויפטוען פון דעם פאָנד זיינען פשוט ניטאָ גענוג ווערטער, מיט וועלכע צו באַשרייבען די וואונדערליכע דערגרייכונגען און די אומגעהויערע הילף, וואָס איז פאַר די אַלע 25 יאָר געגעבען געוואָרען צו פאַרשיידענע מיטגלידער פון דער יוניאָן. נישט איין מיטגליד האָט צו פאַרדאַנקען דעם עמוירדזשענסי רעליף־פאָנד דערפאַר, וואָס דורך זיין הילף איז ער אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען פון די נעגעל פון טויט און איז ווידער געוואָרען געזונט און אַרבייטס־פעהיג; נישט איין מיטגליד האָט אין אַן אומגליקס־פאַל אָדער קראַנקהייט אין זיין פאַמיליע באַקומען פון רעליף־פאָנד די סומע, אין וועלכער ער האָט זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט; נישט איין מיטגליד איז אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען, ווען די פאָנדען אין זיין פאַמיליע האָבען זיך אויסגעשעפּט, באַזאָרגט געוואָרען דורכ׳ן פאָנד מיט דער מעדיציני־שער הילף, אין וועלכער ער האָט זיך גענויטיגט. די אַלע געלטער ווערען געגעבען צו די מיטגלידער, אויסער אין אויסנאַמס־פאַלען, שטילערהייט, קיינער זאָל דערפון נישט וויסען, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ שיינע מידה. ס׳האָט שוין אויך פּאַסירט, אַז דער עמוירדזשענסי רעליף־פאָנד איז געקומען צו הילף דעם לאָקאַל אין זיין יוניאָן־טעטיקייט. די אַלע געלטער, וואָס דער פאָנד גיט אַרויס פון זיין קאַסע, ווערען פּינקטליך צוריקגעצאָלט פון די מיטגלידער, אַזוי שנעל ווי זיי קענען אָנהויבען צוריקצוצאָלען.

איצט צום 25־יאָריגען יובילעאום פון דעם עמוירדזשענסי רעליף־פאָנד, קוקען מיר מיט שטאָלץ אויף דער וואונדערליכער אַרבייט, וואָס דער פאָנד האָט ביז איצט אויפגעטאָן. ס׳איז אַ שטאָלץ און אַ גרויסער כבוד פאַר אונזער יוניאָן צו האָבען אַזאַ פאָנד; ס׳איז אַ שטאָלץ און אַ גרויסער כבוד צו זיין טעטיג ביי דעם פאָנד. מיר דאַנקען דעריבער די יעניגע, וועלכע האָבען פון דער ערשטער מינוט אָן זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט און געהאָלפען ברענגען דעם פאָנד צו זיין איצטיגען צושטאַנד. זייער אַרבייט האָט געבראַכט פרוכט, וואָס איז אַ כבוד פאַר זיי און פאַר דער יוניאָן.

די קאָמיטע פון עמוירדזשענסי רעליף־פאָנד היינטיגען יאָר באַשטייט פון די פאָלגענדע מיטגלידער: מ. גאָלדינג, טשערמאַן; ה. וואַקסבערג, סעקרעטאַר; ס. קאַפּלאַן, טרעזשורער; א. גראָסבאום, רעק. סעק.; י. פישמאַן, ה. מוסין און ש. גאָלדשטיין.



*Greetings from —*

**RALPH WRIGHT**

*Assistant Secretary of Labor*
*Member of Typographical Union No. 6*
*Secretary, Allied Printing Trades Council of Greater New York*

I warmly congratulate Hebrew-American Typographical Union No. 83 on its 60th anniversary. It affords me great pleasure to extend greetings to your great local union which, through perseverance, unstinted effort, courage, sacrifice and self-education over sixty years has established a record that speaks for itself.

Your signal success in continuing to strengthen and advance the interests of your members is a tribute and a testimonial to the hardy pioneers who organized your local back in 1888 and to their valiant successors down through the years.

You have always kept intelligently abreast of the times. Your high ideals, purposes, methods and achievements and the high calibre of your membership and your elected leaders over the decades have brought great gains to your members. These same attributes and factors assure the continued success that I wish for you in the years ahead.




אידישע שריפטזעצער יוניאָן 83 ITU זעכציג יאָריגער יובילײ



דזשייקאָב דזשאַפּע

# ספּעציעלע טרייד־פּראָבלעמען פון אונזער יוניאָן

דער אייגענאַרטיגער אופן ווי אַזוי מיר קומען זיי אַנטקעגען. — געשריבען פון אַ געוועזענעם פינאַנץ־סעקרעטאַר.

בײ פיל געלעגנהייטען איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען אויף דעם אייגענאַרטיגען אופן ווי אַזוי די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן האָט אויפגענומען אירע אייגענע טרייד־יוניאָן־פּראָבלעמען, און די וועגען ווי אַזוי די פּראָבלעמען זיינען געלייזט געוואָרען האָבען איר געגעבען גרויס אָנזען סיי אין דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, אָן וועלכער זי איז אָנגעשלאָסען, און סיי אין דער אַלגעמיינער אַרבייטער־באַוועגונג.

די יוניאָן האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט פאַרשלאָסען אין אירע אייגענע טרייד־יוניאָן־ראַמען. אויך אין געזעלשאַפטליכען לעבען האָט זי גענומען אַ טיכטיגען אַנטייל און שטענדיג געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען, וואָס איז, נאַטירליך, פאַרבונדען מיט גרויסע פינאַנציעלע אויסגאַבען.

עס איז דעריבער ווינשענסווערט צו געבען אַן איבערבליק צום 60־יאָריגען יובילײ פון דער יוניאָן, ווי אַזוי זי האָט מיטגעווירקט מיט די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס און וואָסערע פינאַנציעלע התחייבות׳ן זי האָט אויף זיך גענומען.

אַלס אַ טייל פון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, האָט די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן בייגעטראָגען צענדליגער טויזענטער דאָלאַרס צו די קאַמפּס־פאָנדען פון דער אינטערנעשאָנאַל. די ספּעציעלע אַסעסמענטס האָבען אָפט דערגרייכט ביז צען פּראָצענט פון די פאַרדינסטען פון די מיטגלידער. דאָס איז חוץ דעם שטענדיגען אַסעסמענט פון 2 פּראָצענט, וואָס גייט פאַר׳ן פענשאָן־פאָנד פון דער אינטערנעשאָנאַל און טויטען־בענעפיט.

די אידישע זעצער האָבען אויך אַזעלכע ספּעציפישע טרייד־פּראָבלעמען צו לייזען, פון וועלכע די זעצער אין אַנדערע לאָקאַלען האָבען קיין אַנונג ניט, און די דאָזיגע ספּעציעלע ענינים שאַפען ספּעציעלע פינאַנץ־פּראָבלעמען.

צום ביישפּיל, דעם אידישען צייטונגס־זעצער איז נאַטירליך גאָר נאָענט דער וואוילזיין פון דער צייטונג. דאָס, ווידער, רעפלעקטירט זיך אויך אויף דער יוניאָן. זעען מיר טאַקע, אַז יעדעס מאָל ווען אַ צייטונג האָט זיך געפונען אין אַ געדריקטער פינאַנציעלער לאַגע, — ניט אַכטענדיג וועלכע פּאָליטישע ריכטונג די צייטונג פאַרטרעט, — איז די יוניאָן איר געקומען צו הילף מיט טויזענטער דאָלאַרס, סיי פון איר אייגענער קאַסע און סיי דורך אַראַנזשירען הלוואות מיט איר גוטזאָגונג.

ניט אַריינגייענדיג אין דעטאַלען, וויל איך בלויז דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אַ דאַנק דער אַנטשלאָסענקייט פון דער יוניאָן און די זעצער פון „טאָג“, און די פינאַנציעלע מיטלען וואָס זיינען אַ דאַנק דעם געשאַפען געוואָרען, פאַרנעמט היינט די צייטונג איר געהעריגען אָרט צווישען די אַנדערע אידישע צייטונגען.

קיין אַנדער יוניאָן, אפילו ניט אינ׳ם דרוקער־פאַך, האָט אַזעלכע טרייד־פּראָבלעמען.

ניט אַלעמאָל געלינגט אָבער אויף אַזאַ אַרט צו פאַרמיידען אַרבייטסלאָזיקייט אין דער יוניאָן. פאַסירען צייטען ווען די אַלגעמיינע לאַגע אין לאַנד איז ניט גינסטיג. אַזוי האָט פאַסירט אין 1932, ווען די אַרבייטסלאָזיקייט איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז די יוניאָן האָט געמוזט אַרויפלייגען אַ ספּעציעלען טעקס אויף די פאַרדינסטען פון דער שטאַרק פאַרקלענערטער אַרבייטענדער צאָל מיטגלידער. אין איינע צוויי יאָר צייט — פון יולי 1932 ביז יולי 1934 — האָט די יוניאָן אויסגעצאָלט צו אַרבייטסלאָזע מיטגלידער די סומע פון 10,860.00 דאָלאַר — אַ היפּשע סומע פאַר 175 אַרבייטענדע מיטגלידער. אַרום און אַרום האָט אונזער יוניאָן אין 10 יאָר צייט אויסגעצאָלט אַרבייטסלאָזען־בענעפיט די סומע פון 37,000 דאָלאַר.

צו די 14 דאָלאַר אַ וואָך פענשאָן וואָס מיטגלידער קריגען פון דער אינטערנעשאָנאַל ווען זיי גרייכען אַ באַשטימטע עלטער, צאָלט די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן צו דיזעלבע פענסיאָנערען נאָך 6 דאָלאַר אַ וואָך, פאַר וועלכען צוועק די מיטגלידער צאָלען אַ מאָנאַטליכען טעקס פון 50 סענט. ביז דעם יאָר 1943 האָט דער 50־סענטיגער טעקס געדעקט די צאָלונגען, אָבער לעצטענס איז די צאָל פענסיאָנערען געשטיגען, איבערהויפּט זינט די יוניאָן האָט געוואונען פענסיע פון די באַלעבאַטים אין די טעגליכע צייטונגען. מיט דעם זיינען געוואַקסען די אויסגאַבען. אַנשטאָט דעם וואָס די יוניאָן האָט אויסגעגעבן אויף פענסיאָנערען בלויז אַרום 400 דאָלאַר אין די צוויי יאָר 1936 און 1937, זיינען די אויסגאַבען פאַר לאָקאַלער פענסיע סוף 1937 געשטיגען צו 450 דאָלאַר אַ חודש. אַזוי אַז פאַר די לעצטע 5 יאָר (1943—1947) האָט די סומע באַטראָפען קנאַפּע צוואַנציג טויזענט דאָלאַר.

* * *

ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די קליינע צאָל מיטגלידער פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן האָט אַזעלכע גרויסע פינאַנציעלע פליכטען, קומען זיי קיינמאָל ניט אָפּ בלויז מיט סימפּאַטיע־אויסדרוקען ווען אַנדערע יוניאָנס נויטיגען זיך אין פינאַנציעלער הילף. און ניט נאָר יוניאָנס — יעדע אידיש־געזעלשאַפטליכע באַוועגונג דאָ אין לאַנד, אין אייראָפּע און ארץ־ישראל איז פון דער יוניאָן געשטיצט געוואָרען מיט דער פולער האַנט. פאַר דעם צוועק זיינען די מיטגלידער שטענדיג געטעקסט מיט אַ האַלבען פּראָצענט פון זייערע פאַרדינסטען. חוץ דעם זיינען די מיטגלידער געטעקסט געוואָרען מיט אַ טאָג אַרבייט פאַר דער הסתדרות. אָבער די סומען, וועלכע די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן גיט, שטייגען ווייט אַריבער די אייננאַמע פונ׳ם טעקס, און מיט יעדען יאָר פאַרגרעסערען זיך די אויסגאַבען. זינט דעם 50־יאָריגען יובילײ האָט די יוניאָן בייגעטראָגען צו געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס די סומע פון איבער 30,200 דאָלאַר.

אָנהויב 1947 האָט די אינטערנעשאָנאַל, דורך אַ רעפערענדום, אַרויפגעלייגט אַ ספּעציעלען טעקס פאַר׳ן דעפענס־פאָנד, צו וועלכען די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען בייגעטראָגען די סומע פון 4,268 דאָלאַר, און פון מערץ, 1948, צוליב די סטרייקס אין די ענגלישע צייטונגען אין שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט איבער׳ן לאַנד, איז דער טעקס פאַרגרעסערט געוואָרען צו פינף פּראָצענט פון די פאַרדינסטען.

אויסצורעכענען דאָס צעטעל פון די אָרגאַניזאַציעס, וועמען די יוניאָן האָט געהאָלפען פינאַנציעל, וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ. עס אַנטהאַלט פּאַקטיש אַלע קולטורעלע, פילאַנטראָפּישע, אידיש־נאַציאָנאַלע און אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס. גאָר ממשות׳דיגע סומען זיינען נאַטירליך געגעבען געוואָרען צום אַרבייטער־קאָמיטעט, יונייטעד דזשואיש אַפּיל און געווערקשאַפטען־קאַמפּיין.

ווי מ׳קען זען, האָט די יוניאָן זיך גאַנץ פיין געספּראַוועט ניט נאָר מיט אירע אייגענע טרייד־יוניאָן־פּראָבלעמען, נאָר אויך מיט אירע פינאַנציעלע פּראָבלעמען און התחייבות׳ן. אין די לעצטע צען יאָר האָט די יוניאָן אָנגעהאַלטען איר פּאָליסי פון העלפען דאָרט, וואו הילף איז נויטיג. מיט אַזאַ רעקאָרד מעג די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן שטאָלצירען.

# אַ פּאָר באַגריסונגען פון פריינט

## פון אידישען דרוקער־קאָמיטעט אין פוילען

לאָדזש, 5־טען נאָוועמבער, 1948

מיר, דער אידישער דרוקער־קאָמיטעט אין פוילען, אין נאָמען פון אַלע אידישע דרוקער־אַרבייטער וועלכע זיינען געבליבען אַלס שארית הפליטה פון דעם גרויסען אידישען דרוקער־פּראָלעטאַריאַט אין פוילען, שיקען איבער אייך, דער אידישער דרוקער־יוניאָן אין ניו־יאָרק, אַלס דעם פאָרשטייער פון אידישען דרוקער־פּראָלעטאַריאַט אין אַמעריקע, צו אייער 60־יאָריגען יובל, אונזער האַרציגסטע באַגריסונג. מיר ווינשען אייך איר זאָלט אין קורצען דערגרייכען — צום סאָציאַליזם.

ש. האַלטער, פּאָרזיצער  מ. ווילענסקי, סעקרעטאַר

## דער אַרבייטער רינג באַגריסט

אין נאָמען פון דער אַרבייטער רינג אָרגאַניזאַציע באַגריסען מיר אַלע מיטגלידער פון אייער יוניאָן לכבוד אייער 60־יאָריגען יובילײ.

פילע מיטגלידער פון אייער יוניאָן זיינען אויך אַקטיווע מיטגלידער און טוער אין אונזער אָרגאַניזאַציע און האָבען פיל בייגעטראָגען צו דעם וואוקס פונ׳ם אַרבייטער רינג. מיר זיינען זייער צופרידען צו באַגריסען אייך לכבוד אייער יובילײ און מיר ווייסען, אַז אין די אַלע יאָרען האָט איר זייער פיל בייגעטראָגען צו דעם וואוקס פון דער אַרבייטער באַוועגונג און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור.

מיר ווינשען אייער יוניאָן ניט נאָר אָנצוהאַלטען די דערגרייכונגען אייערע, נאָר אויך, אַז איר זאָלט פאָרזעצען אייער שיינעם רעקאָרד פון אויפטואונגען. זייט געגריסט צו אייער יום־טוב!

י. ישורין, פּרעזידענט  י. באַסקין, גענ. סעקרעטאַר

*Greetings from*

**LARRY TAYLOR**

*First Vice-President, I.T.U.*

To the Officers and Members of
Hebrew-American Typographical Union No. 83:

Greetings:

There are a number of local typographical unions that have been in existence for a greater number of years, but there are few, if any, that have accomplished more in the way of bettering conditions under which printers work than has local No. 83.

Since its inception, Hebrew-American Typographical Union has been a leader among International Typographical Union locals in improving conditions in the industry, in striving for a more equitable distribution of the world's goods and the world's leisure and for the betterment of all mankind.

It is with a deep sense of pride in your accomplishments that I extend congratulations upon the happy occasion of your sixtieth anniversary and best wishes for the future.

Fraternally,

LARRY TAYLOR,
*First Vice-President,*
*International Typographical Union.*



י. ט. ריבאָלאָוו

# דער איצטיגער צושטאַנד פון אונזער יוניאָן

אַלגעמיינער באַריכט וועגן אונזער יוניאָן, געשריבען פון איצטיגען סעקרעטאַר־טרעזשורער.

דער פינאַנציעלער צושטאַנד פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן ביז דעם יאָר 1948 איז שוין געדעקט געוואָרן אין אַן אַנדער באַריכט. דעריבער וועט דער איצטיגער באַריכט זיך באַציען בלויז אויף דעם יאָר 1948. אויסער דעם וועלן דאָ אויך באַהאַנדלט ווערן די פראַגען פון מיטגלידערשאַפט און פון די ספּעציעלע באַדינגונגען וואָס זיינען געשאַפען געוואָרן דורך דעם טעפט־האַרטלי געזעץ.

אָנפאַנג דעצעמבער 1948 האָט די יוניאָן פאַרמאָגט 217 מיטגלידער. 189 פון זיי זיינען געווען אַקטיוו באַשעפטיקט אין די 5 טעגליכע צייטונגען און אין די 19 דזשאַב־שעפער אונטער דער יוניאָנ׳ס יוריסדיקציע. 5 האָבען געאַרבייט אונטער דער יוריסדיקציע פון אַנדערע יוניאָנס, אָדער האָבען ניט געהאַט קיין באַשטימט פּלאַץ פון אַרבייט. די איבעריקע 23 זיינען געווען אויף פּענסיע.

די 4 אידישע און איין רוסישע טעגליכע צייטונגען האָבען באַשעפטיגט 62½% פון דער אַקטיווער מיטגלידערשאַפט, און 37½% זיינען געווען אין די דזשאַב־שעפּער.

אין משך פון יאָר זיינען אַריינגענומען געוואָרען 12 נייע מיטגלידער, און 4 פון די עלטערע זיינען געוואָרען פּענסיאָנערען.

אונזערע מערסטע מיטגלידער זיינען אין זייערע מיטעלע יאָרען. איינע פון די וויכטיגסטע אורזאַכען דערפאַר איז דאָס וואָס ס׳איז ניט לייכט צו ווערען אַ אידישער שריפטזעצער. ס׳נעמט יאָרען זיך אויסצולערנען דעם פאַך. פון די 25 מיטגלידער, וועלכע האָבען דערגרייכט די עלטער פון 70 יאָר, זיינען 23 אויף פּענסיע. עס פרייט אונז אַלעמען וואָס מיר קענען זיי געבען די מעגליכקייט צו האָבען אַ רוהיגע עלטער. צוויי פון אונזערע פּענסיאָנערען זיינען שוין איבער 80 יאָר אַלט און זיי זיינען אַ לעבעדיגער סימן פון דער גערעכטיגקייט פון אונזער קאַמף פאַר מענשליכע באַדינגונגען ביי דער אַרבייט.

פאַר דעם יאָר 1948 האָבען מיר אויסגעצאָלט צו אונזערע פּענסיאָנערן $21,014. די אַי־טי־יו האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעטראָגען דעם גרעסטען חלק — $14,264, און אונזער יוניאָן האָט צוגעטראָגען $6,750.

די לעצטע עטליכע יאָר האָט זיך דער דורכשניט־עלטער פון אונזער מיטגלידערשאַפט שטאַרק געביטען. עס זיינען אַריינגענומען געוואָרען יונגערע מענשען. מיר האָבען איצט 31 מיטגלידער, וועלכע האָבען נאָך ניט דערגרייכט די מיטעלע יאָרען. 52 מיטגלידער זיינען אַריבער 60, און 111 זיינען צווישען 40 און 60 יאָר אַלט.

אויך אין אָפּשטאַם פון די מיטגלידער מערקט זיך אַן ענדערונג. מיר האָבען איצט 14 אַמעריקאַנער געבוירענע מיטגלידער. די דאָזיגע יונגע, דאָ־געבוירענע מענשען, וועלען מן־הסתם אין גיכען צוגעבען זייער אייגענס צום רייכען אוצר טראַדיציעס וואָס אונזער יוניאָן פאַרמאָגט.

עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל מיטגלידער וואָס שטאַמען פון ארץ־ישראל. אַזעלכע זיינען איצט פאַראַן אין דער יוניאָן 16. אָבער די גרעסטע צאָל פון אונזערע מיטגלידער שטאַמט פון מזרח־אייראָפּע (86%). 129 קומען פון רוסלאַנד, 32 פון פּוילען, 19 פון גאַליציע און 7 פון רומעניע.

אָט די 217 מענשען, פון פאַרשיידענער עלטער, פון פאַרשיידענע אידישע דיאַלעקטען און פון פאַרשיידענע וועלט־אנשוי־אונגען, זיינען פאַראייניגט ווי איין משפחה אונטער׳ן דאַך פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן. צווישען זיי זיינען פאַראַן אַ סך פעהיגע מענשען, וועלכע צייכענען זיך אויס אויף פאַרשיידענע געביטען פון אידישען געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען. דערפון ליידט אַביסעל די יוניאָן, ווייל אַ סך פון די דאָזיגע פעהיגע מענשען האָבען ניט קיין צייט פאַר יוניאָן־אַרבייט. פאַר דער זעלבער סיבה ווערט ניט אָנגעפירט קיין קולטורעלע אַרבייט אין דער יוניאָן גופא.

און קולטורעלע און אויפקלערונגס־אַרבייט איז נויטיג געווען ספּעציעל אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, ווייל דאָס איז געווען דאָס ערשטע יאָר פונ׳ם טעפט־האַרטלי פּעריאָד. דער דאָזיגער יוניאָן־פיינדליכער געזעץ האָט שטאַרק געטראָפען די גאַנצע אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג און ספּעציעל די אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן. די אַלע געווינסען וואָס די אַי־טי־יו האָט אויסגעקעמפט אין משך פון קנאַפּע הונדערט יאָר זיינען געווען אין געפאַר. אַזאַ איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע ווי דער „קלאָוזד שאָפּ״ איז אינגאַנצען פאַרבאָטען געוואָרען. כדי צו אָנהאַלטען איר עקזיסטענץ אַלס אַ פרייע יוניאָן, האָט די אַלטע און סטאַטעטשנע „אַי־טי־יו״ געמוזט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ קאָמפּערישער קערפּערשאַפט. און ווען די דרוקער בעלי־בתים האָבען זיך גענומען באַנוצען מיט׳ן געזעץ, האָט דאָס געבראַכט צו לאָקאוטס און סטרייקס אין פילע שטעט. דער גרעסטער און וויכטיגסטער סטרייק האָט אויסגעבראָכען אין שיקאַגאָ דעם 24־טען נאָוועמבער, 1947, און ער האַלט נאָך אָן ביז היינט צו טאָג.

די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן איז דירעקט ניט געטראָפען געוואָרען פון דעם טעפט־האַרטלי געזעץ. דאָ האָבען שטענדיג עקזיסטירט ספּעציעלע באַדינגונגען. די באַציאונגען צווישען דער אידישער יוניאָן און די בעלי־בתים זיינען אויך אויף אַן אַנדער יסוד ווי ביי ניט־אידען. אָבער ניט־דירעקט זיינען מיר דאָך שטאַרק פאַרוויקעלט אין דעם קאַמף, וועלכען דער געזעץ האָט אַרויסגערופען. אין די פאַרגאַנגענע 9 חדשים, פון אָנפאַנג מאַרטש ביז סוף נאָוועמבער, האָבען די 194 אַרבייטענדע מיטגלידער פון אונזער יוניאָן פרייוויליג בייגעשטייערט נאָענט צו 32 טויזענט דאָלאַר אויף אָנצופירען דעם קאַמף. אַ פולען טאָג שכירות גיט יעדער מיטגליד יעדען חודש פאַר דעם צוועק. און דאָס וועט מן־הסתם מוזען אָנגעהאַלטען ווערען כל־זמן דער געזעץ וועט בלייבען אין קראַפט און כל־זמן די נעשאָנעל לייבאָר רילייישאָנס באָאַרד און איר הויפּט־קאָונסעל, דענהאם, וועלען זיך אַזוי שטאַרק אָנשטרענגען דאָס געזעץ דורכצופירען.

צוליב דעם טעפט־האַרטלי געזעץ, ווי אויך צוליב דער אַלגעמיינער פּאָליסי פון 80־טען קאָנגרעס, זיינען אונזערע ווירקליכע פאַרדינסטען פאַרקלענערט געוואָרען אויף 43% אין פאַרגלייך מיט אונזערע פאַר־מלחמה פאַרדינסטען, כאָטש אונזערע שכירות זיינען איצט מיט 35% העכער ווי זיי זיינען דאַן געווען. טעקסעס און יוניאָן־דיוס נעמען אַוועק 23% פון אונזערע שכירות און דער יקרות פאַרניכטעט דאָס איבעריגע.

דאָס שאַפט אַ זייער שווערע פינאַנציעלע לאַגע פאַר אונזערע מיטגלידער. פונדעסטוועגען האָבען מיר אויך היינטיגס יאָר אָנגעהאַלטען אונזער אַלטען מנהג פון שטיצען מיט היבשע סומען פאַרשיידענע אידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. פאַר די אידען מעבר־לים און פאַר בויען דאָס אידישע לאַנד האָבען מיר בייגעשטייערט דורכ׳ן יאָר נאָענט צו 7 טויזענט דאָלאַר, אָדער אַרום 36 דאָלאַר פון יעדען מיטגליד. מיר האָבען אויך געשטיצט, ווי מיר טוען דאָס שטענדיג, פאַרשיידענע סטרייקענדע יוניאָנס.

דאָס יאָר איז געווען געבענשט מיט דעם וואָס מיר האָבען כמעט ניט געהאַט קיין אַרבייטסלאָזע. די איינצעלנע פאַלען פון אַ מיטגליד וואָס איז אַרויסגעפאַלען פון אַ דזשאַב זיינען דערליידיגט געוואָרען — אַמאָל תיכף און אַמאָל האָט גענומען אַביסעל לענגער. קיין גרויסע סומען אין „אַרבייטסלאָז־רעליף״ האָט די יוניאָן ניט אויסגעצאָלט. אַביסעלע שווערער איז אָנגעקומען איינצואָרדענען די שריפטזעצער, וועלכע זיינען אַריבערגעקומען פון די פאַרניכטעטע אידישע ישובים אין אייראָפּע, אָבער מיט אַביסעל אָנשטרענגונג זיינען זיי אַלע איינגעאָרדענט געוואָרען און פילען זיך ווי אין דער היים ביי אונז אין דער יוניאָן.

אַרום אונז קערן זיך וועלטען, אָבער מיר גייען אָן מיט אונזער דינסט צום פרייען וואָרט. פאַר די פאַרגאַנגענע זעכציג יאָר האָט אונזער יוניאָן געגעבען די געלעגענהייט יעדען אידישען געדאַנק צו קומען צום אויסדרוק דורכ׳ן געדרוקטען וואָרט. די יוניאָן וועט דאָס ווייטער טאָן. דאָס איז אונזער אויפגאַבע.

## יוניאָן באַאַמטע אין די לעצטע 10 יאָר

| יאָר | מאָנאַט | פּרעזידענט | וויס־פּרעז. | סעק.־טרעזש. | רעק.־סעק. |
|---|---|---|---|---|---|
| 1939 | גאַנץ יאָר | ט. גלאַז | מ. ליוויי | נ. אפרת | ה. מוסין |
| 1940 | ״ | ״ | א. א. מאַינעסטער | ״ | מ. ראָזענמאַן |
| 1941 | ״ | ״ | ״ | ״ | ״ |
| 1942 | ״ | ״ | ״ | ״ | ״ |
| 1943 | ״ | א. וו. דזשאָזעפסאָן | מ. קאַסטאָף | מ. ראָזענמאַן | א. ליטמאַן |
| 1944 | ״ | ה. בלום | דזש. פישמאַן | ״ | ״ |
| 1945 | יאַנואַר | ״ | ״ | נ. אפרת | מ. ראָזענמאַן |
| ״ | יולי | ״ | א. וו. דזשאָזעפסאָן | דזש. יאַפע | ״ |
| 1946 | גאַנץ יאָר | מ. ראָזענמאַן | ״ | ״ | פּ. רובינשטיין |
| 1947 | ״ | ט. גלאַז | א. ליטמאַן | ״ | ״ |
| 1948 | ״ | ״ | ״ | י. ריבאַלאָוו | ש. ליעוו |

מאיר קאַסטאָף

# אונזערע טעטיקייטען אויף דעם אידיש־נאַציאָנאַלען געביט

מיר האָבען געטאָן פּיאָנערען־אַרבייט ביים גרינדען אַ צאָל אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסען אַלס נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס.



מיר קאָנען זיך ניט באַרימען מיט אַ גרויסער מאַסען־מיטגלידערשאַפט, ווי אַנדערע אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע. אונזער צאָל איז פאַרהעלטניסמעסיג קליין — אינגאַנצען 218 מיטגלידער, פון וועלכע 23 זיינען אויף פּענסיע.

דערפאַר קאָנען מיר מיט שטאָלץ אָנווייזען אויף דער אמת'ער פּיאָנערען־אַרבייט, וואָס אונזער יוניאָן האָט באַוויזען צו טאָן אויפ'ן געביט פון אידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, ספּעציעל פאַר די אינטערעסען פון אַרבייטער־אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל.

אונזערע מיטגלידער זיינען טעטיג אויף יעדען געזעלשאַפטליכען געביט. מ'קען זיי געפינען אין דער אָנפירערשאַפט פון כמעט יעדער וויכטיגער קולטורעלער, פראַטערנאַלער און אַרבייטער־געזעלשאַפט.

אָבער אַזוי ווי אונזער 60־יאָריגע יובילײ־פייערונג פאַלט גראַד אויס אין דעם יאָר 1948, וועלכער וועט אַריין אין דער געשיכטע אַלס דער יאָר פון אתחלתא דגאולה — די פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מדינה — וועל איך זיך איבערהויפּט אָפּשטעלען אויף די אַרבייטער־ציוניסטישע טעטיקייטען אין אונזער יוניאָן. היסטאָריש־גענומען זיינען עס גאָר־גרויסע אויפטוען פאַר אַזאַ קליינער יוניאָן ווי מיר זיינען, לויט דער צאָל פון מיטגלידער.

נאָך אין יאָר 1916 האָט אַ גרופּע זעצער געגרינדעט אַ צווייג פון אידיש־נאַציאָנאַלען אַרבייטער־פאַרבאַנד אונטער'ן נומער 83 (י. ל. פּרץ־צווייג 83), וועמעס הויפּט־אויפגאַבע ס'איז געווען צו וועקען דעם נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין ביי די מיטגלידער פון אונזער יוניאָן. ביי דעם היינטיגען טאָג איז אָט דער „צווייג 83" דער גרעסטער צווישען די פאַרבאַנד־ברענטשעס אין ניו־יאָרק לויט דער צאָל פון מיטגלידער (איבער 400) און ער איז איינער פון די גאָר וויכטיגע אָרגאַניזאַציעס אויפ'ן געביט פון אידישער קולטור. ער שאַפט אויך גרויסע סומען פאַר ישראל דורך פאַרשיידענע פאָנדען. היינטיגס יאָר האָט דער „צווייג 83" צוגעטראָגען צו די צוויי ארץ־ישראל־פאָנדען — געווערקשאַפטען־קאַמפּיין און אידישען נאַציאָנאַל־פאָנד — די סומע פון נאָענט צו 20 טויזענט דאָלאַר. אַלס אויסדרוק פון דאַנק צו דער יוניאָן האָבען אַ גרופּע חברים־זעצער פון „צווייג 83" באַשלאָסען איינצושרייבען דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן „לאָקאַל 83" אינ'ם „ספר המדינה" פון קרן קימת לישראל. דאָס איז זייער מתנה צום 60־יאָריגען יובילײ פון דער יוניאָן.

אין יאָר 1921 האָבען מיר געגרינדעט דעם „שריפטזעצער־קלוב פאַר'ן קרן־היסוד", און מיטגלידער פון אונזער יוניאָן האָבען שוין דאַן זיך פאַרפליכטעט צו צאָלען אַ וועכענטליכען שטייער פאַר'ן קרן־היסוד אינ'ם ערשטען יאָר פון זיין גרינדונג. גיט נאָר אַ טראַכט וואָס דער קרן היסוד איז איצט, און דערמאָנט זיך, אַז מיר, אַ גרופּע אידישע שריפטזעצער פון ניו יאָרק, האָבען נאָך אין יאָר 1922 זיך באַשטייערט און צוזאַמענגעקליבען די ערשטע 1,000 דאָלאַר פאַר דעם פאָנד...

אין דעמזעלבען יאָר איז געקומען אַהער אַ דעלעגאַציע פון ארץ־ישראל צו פאַרקויפען שערס פאַר דער „באַנק הפּועלים". די יוניאָן האָט געקויפט שערס, וועלכע צאָלען אַ יערליכען דיווידענד. באַטראַכט וואָס די באַנק איז היינט, און דערמאָנט זיך, אַז מיר זיינען געווען צווישען די גאָר ערשטע יוניאָנס, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען איר גרויסע באַדייטונג נאָך אין יענער צייט.

מיר זיינען אויך פון די איינצעלנע יוניאָנס, וועלכע האָבען געגרינדעט דעם געווערקשאַפטען־קאַמפּיין מיט 25 יאָר צוריק. מאַקס פּיין איז געווען אַ זעצער און ער האָט באַלאַנגט צו אונזער יוניאָן. אינ'ם ערשטען יאָר האָט די יוניאָן בייגעשטייערט 500 דאָלאַר און שוין אויפ'ן צווייטען יאָר האָבען מיר געגעבען אַנדערע 500 דאָלאַר, אַלס ערשטען אָפּצאָל פאַר דער ערשטער ליינאָטיפּ־מאַשין פאַר'ן „דבר" (די טאָג־צייטונג פון דער הסתדרות). שפּעטער האָבען מיר דאָ געגרינדעט אַ „דבר"־קאָמיטעט, וועמענס צוועק ס'איז געווען אַוועקצושיקען זאַץ־און דרוק־מאַשינען פאַר דער זעלביגער צייטונג. דאָס איז געווען אַ גאָר גרויסע און וויכטיגע אַרבייט אין יענער צייט. ווען מען טראַכט וועגען אָט דער דאָזיגער אַקציע פון מיטגלידער פון אונזער יוניאָן, דערפילט מען זיך באמת שטאָלץ אויף די חברים, וועלכע האָבען געאַרבייט פאַר אָט דער זאַך, וואָס איז געווען אַזוי לעבענס־נויטיג פאַר דער הסתדרות.

עס איז אַ פרייד צו וויסען, אַז חוץ דעם וואָס אונזערע מיטגלידער פון דער יוניאָן זיינען איצט טעטיג אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אַלערליי ארץ־ישראל־אַקציעס, האָבען מיר איינגעפירט, אַז אַלע אונזערע מיטגלידער זיינען טאַקסירט געוואָרען מיט איין טאָג אַרבייט פאַר דער הסתדרות, און עס זיינען דאָ פיל, וועלכע האָבען זיך באַזונדער טאַקסירט און צאָלען וועכענטליך אָדער מאָנאַטליך אַ פּראָצענט פון זייערע שכירות, אַזוי אַז דאָס וועט טאַקע אָנטרעפען עטליכע טויזענט דאָלאַר.

פאַראַיאָרען האָט זיך צו אונז געווענדעט אַ גרופּע זעצער פון פּוילען — לאָדזש, וואַרשע און שטעטין — מיט אַ בקשה פאַר אַ ביישטייערונג, וואָס זאָל זיי דערמעגליכען אַרויסצוגעבען אַ בוך, וואו עס זאָלען פאַראייביגט ווערען די נעמען פון די אומגעקומענע זעצער און דרוקער פון די געטאָס און אין די פאַרשיידענע היטלער־גיהנום'ס. מיר האָבען געשיקט פאַר דעם צוועק 500 דאָלאַר, און מיר האָפען אַז זיי וועלען דעם דאָזיגען געפּלאַנטען בוך איינגיכען אַרויסגעבען.

עס איז וויכטיג, אַז אונזער יוניאָן זאָל אָנהאַלטען אַ ווייטערדיגען קאָנטאַקט מיט אונזערע חברים דרוקער־אַרבייטער פון ישראל און אַנדערע לענדער. די פאַרבינדונג מיט אונזערע קאָלעגען איבעראַל דאַרף אָבער זיך ניט באַגרענעצען בלויז אויף מאַטעריעלער שטיצע פון אונז צו זיי. מיר דאַרפען אָנקניפּען אַ נעענטערע פּערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט אונזערע העלדישע קאָלעגען אין ישראל און פון זיי שעפּען באַגייסטערונג און מוט. מיר דאַרפען לייענען זייערע צייטשריפטען און זיך געגענזייטיג באַקענען דורך ספּעציעלע פּובליקאַציעס, וואָס אויך אונזער יוניאָן וואָלט באַדאַרפט אַרויסגעבען.

ס'איז שוין אפשר צייט, אַז אונזער יוניאָן זאָל זיך נעמען צום אַרויסגעבען אַ „ווער איז ווער" מיט די ביאָגראַפיעס פון אַ סך פון אונזערע מיטגלידער, אַזוי ווי עס טוען אַנדערע ענליכע אָרגאַניזאַציעס.

## פריינטליכע אָרגאַניזאַציעס באַגריסען אונז

### אידיש-נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד

מיר שיקען אַ האַרציגע באַגריסונג צו די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן לאָקאַל 83 לכבוד דעם 60־יאָריגען יובילײ פון דער וויכטיגער אָרגאַניזאַציע.

פאַר די לעצטע 60 יאָר האָט לאָקאַל 83 געהאָלפען אויף יעדען מעגליכען אופן ניט בלויז צו פאַרבעסערען די אַרבייטס־באַדינגונגען פון זיינע מיטגלידער, נאָר האָט זיך שטענדיג אויך געשטעלט אין די ערשטע רייען צווישען די אַרבעטער־קערפּערשאַפטען צו העלפען אין יעדער טעטיקייט וואָס האָט געפירט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלען און געזעלשאַפטליכען לעבען און פון דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל פאַר אונזער פאָלק.

לאָקאַל 83 קען מיט רעכט זיין שטאָלץ מיט דעם פאַקט וואָס אין דער צייט ווען אויף דער אידישער גאַס איז נאָך ליידער געווען פרעמד דער גלויבען אין אידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, איז לאָקאַל 83 פון די אידישע שריפטזעצער געווען פון די ערשטע אויפצונעמען דעם רוף פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל און האָט זיך געשטעלט אין די רייען פון געווערקשאַפטען־קאַמפּיין צו שאַפען הילף פאַר דער הסתדרות און פאַר אירע אינסטיטוציעס, אַ קאַמפּיין פון וועלכען עס איז אַרויסגעוואַקסען אַ גרויסע אַרבעטער־און פאָלקס־באַוועגונג פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל און פאַר דער הסתדרות.

באַגריסענדיג האַרציג דעם לאָקאַל, די באַאַמטע און זיינע מיטגלידער, דריקען מיר אויס אונזער גלויבען, אַז דער לאָקאַל וועט אויך אין די קומענדע יאָרען קענען מיט דער זעלבער געטריישאַפט און איבערגעבענהייט דינען זיינע מיטגלידער, דער אַרבעטער־באַוועגונג און אידישע פאָלקס־אינטערעסען, ווי ער האָט עס געטאָן פאַר די לעצטע 60 יאָר.

ל. סיגאל, סעקרעטאַר

### געווערקשאַפטען-קאַמפּיין פאַר הסתדרות

מיר שיקען אונזערע האַרציגע ברכות דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן לאָקאַל 83, צום 60־יאָריגען יובילײ פון דער יוניאָן, וועלכע האָט געשפּילט און שפּילט ווייטער אַזאַ גרויסע און שיינע ראָלע אין אידישען אַרבייטער־לעבען. מיט דאַנק און אָנערקענונג דערמאָנען מיר ביי דער געלעגענהייט אַז די שריפטזעצער־יוניאָן איז געווען איינע פון די ערשטע מיטצוהעלפען דעם געווערקשאַפטען־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות, און דאָס שיקען פון אַ לינאָטיפּ פאַר דער אַרבייטער־צייטונג „דבר", דעם אָרגאַן פון דער הסתדרות.

דער 60־יאָריגער יובל פון דער שריפטזעצער־יוניאָן לאָקאַל 83 איז אַ יום־טוב פון דער גאַנצער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג. צוזאַמען מיט איר פייערען מיר דעם יום־טוב און מיר ווינשען די אידישע זעצער און זייער יוניאָן מזל־ברכה אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען.

נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פאַרן אַרבייטענדען ארץ ישראל

יוסף שלאָסבערג, פּאָרזיצער — אייזיק העמלין, סעקרעטאַר

טרייד יוניאָן קאָונסיל פאַר דער הסתדרות

יוסף ברעסלאַוו, פּאָרזיצער

מאַקס זאַריצקי, פּאָרז. עקז. קאָמיטעט

הערי גרינבערג, פּאָרז. אַדמ. קאָמיטעט

א. לעדערמאַן, עקזעקוטיוו דירעקטאָר

א. ליטמאַן

# וואָס מ'זעט היינטיגע צייטען אין יוניאָן־אָפיס



אײַנדרוקען פון אונזער וויצע־פרעזידענט ביים צוזאַמענטרעפען זיך מיט פליטים־זעצער.

די צוויי יאָר צייט פון מיין דינען אַלס וויצע־פרעזידענט פון אונזער יוניאָן (1948־1947) איז געווען אַ געמיש פון נחת און צער. אַ גרויסע פרייד איז ביי מיר געווען, וואָס אונזערע מיטגלידער זיינען כמעט אַלע באַשעפטיגט און אַרבייטען. ס'איז דאָ גענוג אַרבייט אין די שעפער און די אַלגעמיינע פּראָספּעריטי פון לאַנד שפּיגעלט זיך אויך אָפּ אין אונזער אינדוסטריע. אָבער אַ צער און פאַרדרוס דריקט די געפילען, וואָס דער גרויסער יקרות אין לאַנד פרעסט אויף די אַלע געווינסען, וואָס די יוניאָן קעמפט אויס פאַר די מיטגלידער... די ירושה פון דער בלוטיגער וועלט־מלחמה האָט געבראַכט דעם אַרבייטער גרויסע טעקסעס און אינפלאַציע אין דער רייכער אַמעריקע. ס'גאַנצע לאַנד ליידט פון דער קראַנקהייט און אונזערע מיטגלידער זיינען אויך קרבנות פון דעם קראַנקען צושטאַנד.

* * *

אַ דאַנק דעם, וואָס אונזער לאַנד איז איצט דער גרעסטער אידישער ישוב אין דער וועלט, וואו די גרעסטע צאָל אידישע און העברעאישע שרייבער געפינען זיך, האָט זיך די אַרבייט אין די בוך־דרוקערייען שטאַרק פאַרגרעסערט. דאָס האָט מעגליך געמאַכט, אַז אונזער יוניאָן זאָל קענען באַזאָרגען אונזערע אייגענע מיטגלידער מיט אַרבייט און אַריינגעמען 13 אידישע זעצער, וועלכע האָבען זיך געראַטעוועט פון די נאַצישע מערדער און זיך דערשלאָגען צו די ברעגען פון אונזער לאַנד.

* * *

אין אָפיס פון אונזער יוניאָן האָט מען פאַר די לעצטע צוויי יאָר געזען סצענעס, וועלכע האָבען די באַאַמטע גערירט ביז טרערען... דאָרט האָט מען געזען ממש מיט די אויגען דעם בראָך, וואָס די היטלער־עפּאָכע האָט געבראַכט אויפ'ן אידישען פאָלק... עס זיינען געקומען געראַטעוועטע אידישע זעצער פון די אינקוויזיציעס אוישוויץ, בוכענוואַלד, מאַידאַנעק — די טרויעריג־באַרימטע מאָרד־לאַגערען. די דאָזיגע מאַרטירער זיינען פון אונז אויפגענומען געוואָרען מיט האַרץ, מיט נשמה און מיט אַ ווילען זיי צו באַזאָרגען מיט אַרבייט. ווען מ'האָט אָט־די מענשען געפרעגט: „האָט איר עפּעס אַ דאָקומענט צו ווייזען, אַז איר האָט ווען־עס־איז געהערט צו אַ דרוקער־פאַראיין?" — האָבען זיי געקוקט אויף אייערע באַאַמטע מיט פאַרגאָסענע אויגען און אויפגעשפּילעט דאָס העמד און געוויזען זייערע הענט און לייבער: „אָט דאָס זיינען אונזערע דאָקומענטען — נומער 63825... מער האָבען מיר גאָרניט... אונזערע עלטערען, פרויען און קינדער, שוועסטער און ברידער — אַלץ איז אַוועק מיט'ן פייער..."

* * *

אינ'ם טאָג פונ'ם גרויסען יום־טוב פון 60 יאָר לעבען פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן נומער 83, זאָל עס פאַרצייכענט ווערען פאַר דער געשיכטע, אַז מיר האָבען די מאַרטירער־שריפטזעצער אויפגענומען ווי אייגענע קינדער און זיי אַלעמען באַזאָרגט מיט אַרבייט; זיי געגעבען די געלעגענהייט צו לערנען די לינאָטיפּ און מיטגעהאָלפען, אַז זיי זאָלען אָנפאַנגען אַ נייעם לעבען אין דער פרייער אַמעריקע. זיי זיינען איינגעגלידערט געוואָרען אין אונזערע שעפּער און זיינען חשוב'ע מיטגלידער אין אונזער משפּחה...

* * *

אַלע דערגרייכונגען פון אונזער יוניאָן זיינען אַ רעזולטאַט פון האַרמאָנישער אַרבייט מצד די אַקטיווע מיטגלידער. אָן זיי וואָלט ניט מעגליך געווען אַריינצושרייבען אַזעלכע הערליכע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאָן.

לאָמיר האָפען, אַז אונזערע מיטגלידער וועלען אויך אין דער צוקונפט זיין אַזוי איבערגעגעבען אונזער יוניאָן, אַז מיר זאָלען קענען פאָרזעצען די „גאָלדענע קייט" פון פּראָגרעס, און מיר זאָלען זוכה זיין צו פייערען אונזערע יום־טובים אין אַ שענערער און בעסערער וועלט.



# זיי האָבען איבערגעלעבט די נאַציס

## און דערציילען איצט אין פריידען פון זייערע שוידערליכע דערפאַרונגען

## פון די קאַרפּאַטען ביז קיעוו אין די צוואַנגס־לאַגערען

איך בין געבוירען געוואָרען אין גראָנדע, לעבען מונקאַטש, ביי די קאַרפּאַטען. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז דעם באַקאַנטען ווינער באַשלוס פון 2־טען נאָוועמבער, 1938, האָט די טעריטאָריע באַלאַנגט צו דער דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע.

דעם 26־טען אָקטאָבער, 1940, האָט מיך דאָ געטראָפען די היטלער־מגפה און מען האָט מיך, צוזאַמען מיט אַלע אידישע אַרבייטס־פעהיגע יונגע־לייט, פאַרנומען אין ספּעציעלע צוואַנגס־לאַגערען, וואָס זיינען דעמאָלט געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון אונגאַרישע נאַציס. מען האָט אונז אויסגענוצט אויף צו בויען פלוג־פּלעצער, קאַמפּס־גריבער, צושטעלען אַמוניציע און שפּייז פאַר די דייטשע און אונגאַרישע אַרמייען אויף די פראָנטען, אויפבויען צושטערטע בריקען און אייזענבאַנען, קלייבען מינעס, א. אַז. וו. מיר זיינען געווען געקליידט אין אונזערע אייגענע קליידער, מיט אַ געלער לאַטע אויפ'ן לינקען אָרעם.



צווישען די גרעסערע שטעט, וואו איך בין געווען אַלס צוואַנגס־אַרבייטער, געפינען זיך: קאָלאָמיי, סטאַניסלאַוו, דניעפּראָפּעטראָווסק, לעמבערג, פּשעמישעל, טאַרנאָפּאָל, פּראָסקוראָוו, קיעוו און אין נאָך אַן ערך 180 קלענערע און גרעסערע מקומות. מער ווי אַ יאָר צייט האָב איך פאַרבראַכט אין אַ שטיינגראָבען ביי טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. אין אָקטאָבער, 1944, האָט אונז, אין דער בוקאָווינער שטאָט דאָרנעוואַטרע, געטראָפען דער דייטשער אַלגעמיינער ריקצוג.

אויף דעם 15 הונדערט קילאָמעטער־לאַנגען ריקצוג, וואָס מיר האָבען דורכגעמאַכט צופוס בלויז אין זעקס וואָכען צייט, זיינען 60 פּראָצענט פון אונז אומגעקומען פון הונגער, פון קעלט, אָדער — און דאָס איז געווען דער בעסערער פאַל — דורך אַ באַגנאַדיגונגס־קויל פון אַן עס־עס מאַן.

אָנקומענדיג קיין סלאָוואַקיע, האָב איך באַשלאָסען צו מאַכען אַ לעצטען פאַרזוך זיך צו ראַטעווען. דער פאַקט, וואָס די רוסישע אַרטילעריע האָט זיך געהערט פון גאַנץ נאָהענט, ווי אויך דער פאַקט, אַז איך האָב זיך געפונען אין דעם לאַנד, וואו איך בין אויפגעוואַקסען און האָב באַהערשט די לאַנד־שפּראַך — האָט מיך געגעבען אַ שטויס אין אַ געאייגענטען מאָמענט צו אַנטלויפען פון לאַגער. איך האָב גליקליכערוויז אָנגעטראָפען אָן אַ גוטהאַרציגען סלאָוואַקישען פויער מיט'ן נאָמען אנדרעי סטריעזש, אין דאָרף ליעסקאָוויץ, לעבען זוואָלען, וועלכער האָט מיט מסירת־נפש, און אָפטמאָל מיט ריזיקירען זיין אייגען לעבען, מיך אויסבאַהאַלטען גאַנצע דרייצען וואָכען, און דעם 11־טען מערץ, 1945, בין איך באַפרייט געוואָרען דורך דער רוסישער אַרמיי.

אין 1947, יאַנואַר דעם 26־טען, בין איך מיט דער הילף פון „האַיאַס" געקומען קיין אַמעריקע.

נעיטען גרינבערגער

## איבערלעבונגען פון א ביאַליסטאָקער זעצער

ניט לאַנג נאָכ'ן אויסברוך פון דער לעצטער מלחמה, אין 1939, איז אונזער שטאָט ביאַליסטאָק פאַרנומען געוואָרען דורך די נאַצישע חיילות, וועלכע האָבן זיך גלייך גענומען צו זייער באַשטימטער אַרבייט פון פּלינדערען און רויבען אידיש האָב און גוטס. מען האָט ראַבירט אידישע געשעפטען און פאַבריקען און מען האָט אַלץ אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד.



אָבער צום גליק האָט עס געדויערט נאָר זיבען טעג, ווייל גלייך נאָכדעם האָט סאָוועטען־רוסלאַנד פאַרנומען ביאַליסטאָק. מיר זיינען אויף אַ געוויסער צייט ניצול געוואָרען פון די נאַציס און געהאַט דעם גליק צו ווערען סאָוועטישע בירגער אין משך פון 2 יאָר צייט — ביז'ן 22־טען יוני, 1941, ווען די דייטשען זיינען באַפאַלען די רוסען און אָנגעפאַנגען מיט זיי דעם קריג.

דעם 27־טען יוני, 1941, איז ביאַליסטאָק ווידער פאַרנומען געוואָרען פון די דייטשען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען זייער מאַרש אויף רוסלאַנד. אָבער איצט האָבען די נאַציס זיך שוין ניט באַנוגענט מיט'ן רויבען אידיש גוטס. זיי האָבען אונטערגעצונדען אַלע אידישע קוואַרטאַלען, אַלטע לייט געוואָרפען אין פייער אַריין און די יונגעלייט געשאָסען. אין די ערשטע 3 וואָכען האָבען זיי דערשאָסען און פאַרברענט ביי 8־7 טויזענט אידען.

דעם 8־טען אויגוסט, נאָכדעם ווי מיר זיינען שוין געווען

איבער אַ וואָך איינגעשלאָסען אין געטאָ, איז צו מיר אין הויז געקומען אַ פּאָליאַק מיט אַ דייטש און האָבען מיר איינגעלאַדען איך זאָל גיין צו זיי אין דרוקעריי אַרבייטען, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין פּוילישע לינאָטיפּיסטען, און דערצו דאַרף מען אַרויסנעמען די רוסישע מאַטריצען און אַריינטאָן דייטשע און איבערמאַכען די קלאַוויאַטור. איך האָב, דעם אמת, ניט געהאַט קיין חשק צו גיין צו זיי אַרבייטען, און איך האָב זיך געוואָלט אַרויסדרייען מיט׳ן תירוץ, אַז איך קען דאָס ניט מאַכען. האָבען אָבער די פּאָליאַקען שוין פריער געזאָגט אַז איך קען און עס האָט ניט געהאָלפען מיין פאַרענטפערונג און איך בין געגאַנגען אַרבייטען אויסער דער געטאָ אין „שטורם־פאַרלאַג”. איך האָב דאָרט גע־אַרבייט אַנדערטהאַלבען יאָר.

די חברים־זעצער האָבען מיר אין אָנהויב מקנא געווען, ווייל איך האָב אַ געלעגענהייט אַרויסצוגיין פון געטאָ און, צוריקוועגס, אַריינצובריינגען אַביסעל שפּייז, וואָס עס איז געווען שווער צו קריגען אין געטאָ. נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך גע׳פּועל׳ט ביים פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי, אַז ער זאָל אויך נעמען אַנדערע אידישע זעצער, אַזוי אַז די לעצטע צייט האָבען מיר געאַרבייט דאָרט 8 אידען. אונזער שכר איז געווען, וואָס מיר פלעגען קענען אַריינברענגען אַביסעל שפּייז אין געטאָ. אָבער ניט אַזוי גרינג ווי עס רעדט זיך, איז עס אונז אָנגעקומען. מיר פלעגען אַלע טאָג זען דעם מלאך־המות פאַר די אויגען איידער מיר פלעגען אַריינברענגען אונזער ביסעל שפּייז.

דעם 3־טען פעברואַר, 1943, האָט מען ביי אונז צוגענומען די דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון געטאָ אַרבייטען, און דעם 5־טען פעברואַר האָט זיך אָנגעהויבען אַ שחיטה אויף אידען ביי אונז אין געטאָ. ביינאַכט זיינען אַריינגעפאָרען מיליטער אויף טראָקס, זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז, אַרויסגענומען ווען זיי האָבען נאָר געפונען און אַוועקגעשיקט אין די גאַז־קאַמערען קיין טרעבלינקע. זיי האָבען דאַן אַרויסגענומען 12 טויזענט אידען. איך מיט מיין פרוי און קינדער האָבען זיך באַהאַלטען אין אַ בונקער, וואָס מיר האָבען צוגעגרייט, אויף וואָס מיר האָבען גע־אַרבייט 2 מאָנאַטען דורך די נעכט, ביז מיר האָבען דאָס געמאַכט. צוזאַמען מיט אונז זיינען דאָרט געווען 70 פערזאָן און קינדער. די שחיטה האָט אָנגעהאַלטען 8 טעג און מיר זיינען דאָרט געווען די גאַנצע צייט. עס איז ווייניג פּלאַץ און עס איז שווער דאָ צו דערציילען אַלץ וואָס מיר האָבען דורך דער צייט איבערגע־לעבט.

דעם 16־טען יוני, 1943, בין איך אַרעסטירט געוואָרען דורך דער אידישער פּאָליציי אין געטאָ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער אידען־ראַט האָט געקראָגען אַ באַפעל פון די דייטשען, אַז מ׳זאָל זיי צושטעלען 6 דרוקער־אַרבייטער. איך בין געווען רעגיסטרירט אַלס זעצער, האָבען זיי מיך גענומען. ווען איך בין געקומען אַהין, האָב איך שוין געטראָפען נאָך 5, צווישען זיי אויך מיין ברודער, אויך אַ זעצער (ער געפינט זיך איצט אין איטאַליע). אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט מען אונז איבערגעגעבען צו דער „געשטאַפּאָ” און זיי האָבען אונז אונטער אַ וואַך אָפּגע־שיקט קיין לאָדזש אין אַ געפענגעניש, וואו מען האָט אונז געהאַל־טען 5 טעג, געשלאָגען מכות־רצח און קיין עסען ניט געגעבען. שפּעטער האָט מען פון לאָדזשער געטאָ אויך אַרויסגענומען 3 דרוקער און 2 גראַווירער און מ׳האָט זיי געבראַכט צו אונז אין קאַמער. מ׳האָט נאָך אַביסעל חוזק געמאַכט פון אונז און זיך פריילעך געמאַכט איבער אונז און נאָכדעם האָט מען אונז אַלע אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד. פון בערלין האָט מען אונז אין אַ פאַרמאַכטער קאַר איבערגעפירט קיין אָריאַניענבורג, 20 מייל פון בערלין. דאָרט איז געווען אַ גרויסער לאַגער מיט 20 טוי־זענט מענשען. דעם קבלת־פּנים האָבען מיר געהאַט דעם זעלבען וואָס אין לאָדזש. מען האָט אונז מכבד געווען מיט קלעפּ און מ׳האָט אונז ביז אין אָוונט געלאָזט שטיין מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט, אויף דער ברענענדיגער זון, און ניט געלאָזען זיך אַ ריר טאָן. שפּעטער האָט מען אונז אַריינגעפירט אין באָד, מען האָט אַלץ צוגענומען ביי אונז וואָס מיר האָבען געהאַט, מען האָט אָפּ־געשאָרען די האָר, אָנגעטאָן אין געשטרייפטע זאַכען מיט די היל־צערנע שיך און אַוועקגעפירט אין אונזער באַשטימטען בלאָק נומער 19. דאָרט האָט מען אונז אַרויסגעגעבען נומערען, וועלכע מיר האָבען געדאַרפט אָנניייען אויף אונזערע נייע קליידער. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זיך אין אַ שפּיגל און האָב זיך אַליין ניט דערקענט.

אין בלאָק נומער 19, אין וועלכען מען האָט אונז געבראַכט, איז טאַקע געווען אַ דרוקעריי, וועלכע האָט באַלאַנגט צו אַ דייט־טשער שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג, וואו מען האָט געדרוקט פאַרשיי־דענע פאַלשע פּעסער, שפּיאָנאַזש־און דיווערסיע־ביכלעך, סאַ־באָטאַזש־ביכלעך אין פאַרשיידענע שפּראַכען און אויך געלט, ענג־לישע פונטן, יוגאָסלאַוויש געלט און שפּעטער האָט מען אויך אָנגעהויבען צו דרוקען אַמעריקאַנער דאָלאַרען.

באַלד ווי מען האָט אונז אַריינגעבראַכט אין דאָזיגען בלאָק, האָבען די נאַצישע שומרים אונזערע אויפגעקלערט פאַר אונז אַלץ וואָס עס ווערט דאָ געמאַכט, און אויך, אַז אין דעם בלאָק וועלען מיר שוין מוזען בלייבען איזאָלירט פון אַלעמען ביז עס וועט זיך ענדיגען דער קריג. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. מיר זיינען דאָרט געווען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען 2 יאָר צייט. ווען מיר זיינען געקומען אין בלאָק 19 האָבען מיר דאָרט געטראָפען 35 אידען און צוזאַמען מיט אונז איז שוין געוואָרען די צאָל 46, נאָר ביז׳ן סוף איז אונזער מחנה פאַרגרעסערט געוואָרען ביז 140, אַלע אידען, פון 12 פאַרשיידענע לענדער.

איך דערמאָן זיך, ווען מען האָט געבראַכט צו אונז אַ טראַנס־פּאָרט אידען פון 60 מאַן פון אָשוויענטשים. רעדענדיג מיט זיי, האָב איך שטאַרק באַדויערט וואָס מ׳האָט צו אונז געבראַכט נייע קרבנות. האָבען זיי זיך פון מיר אויסגעלאַכט און געזאָגט, אַז איך זאָל זיי ניט באַדויערען, ווייל ווען מען שיקט זיי ניט אַהער, וואָלטען זיי שוין ניט געלעבט, ווייל זיי זיינען אַלע געווען באַ־שטימט צו גיין אין אויוועז, און אַזוי האָבען זיי נאָך אַ האָפענונג.

דעם 2־טען פעברואַר, 1945, ווען די אַליאירטע האָבען זיך גענומען דערנענטערען צו בערלין, איז געקומען אַ באַפעל, אַז מיר דאַרפען זיך איינפּאַקען און זיין גרייט צום עוואַקואירען. מיר האָבען איינגעפּאַקט די מאַשינען, די פּאַפּיר און די קעסט־לעך געלט וואָס מיר האָבען געהאַט אָנגעדרוקט די גאַנצע צייט. מען האָט אונז געגעבען אַ ספּעציעלען צוג, אויף וועלכען מיר האָבען אויפגעלאָדען די אַלע זאַכען און זיינען אָפּגעפאָרען קיין עסטרייך. עסען האָט מען אונז מיטגעגעבען אויף 2 טעג, אָבער געפאָרען זיינען מיר 5 טעג און מיר האָבען טאַקע גאָר וואַזשנע צוגעהונגערט. אונזערע שומרים האָבען אויך געהונגערט גלייך מיט אונז. האָבען מיר צוזאַמען גע׳גנב׳עט פון די פאַרביי־פאָרענדיגע צוגען קערנער פון קאָרן און ווייץ, געקאָכט עס אין וואַסער און דערמיט געשטילט אַביסעל דעם הונגער.

געבראַכט האָט מען אונז קיין מאַטהאַוזען, אַ באַרימטער לאַ־גער אין עסטרייך, און דאָרט האָט מען אונז איזאָלירט אין אַ געוויסען בלאָק 20. דאָס האָט זיך גערופען דער „טויטען־בלאָק”, ווייל פון דאָרט איז זעלטען ווער אַרויסגעקומען לעבעדיג. אין שכנות פון אונזער בלאָק האָט זיך אויך געפונען דער קרעמאַ־טאָריום פון לאַגער, וואו מ׳האָט געאַרבייט אָן אויפהער, בייטאָג



# מיין דערנער־וועג פון חרוב׳ן ביאַליסטאָק ביז אַמעריקע

אין יאָר 1939 האָט דער שאָטען פון נאַצישען האַקענ־קרייץ פאַרוואָלקענט אונזער הימעל. די נאַצי־רוצחים האָבען אָקו־פּירט ביאַליסטאָק, און מיך מאָביליזירט צו אַרבייטען אין זייער דרוקעריי און ברענגען צום פאָלק זייערע ברוטאַלע באַפעלען. עס איז מיר געווען באַשערט דער ביטערער גורל פון דרוקען די דאָקומענטן פון אונזער חורבן. גענוג צע־



ווייטאָגט פון מיין אַרבייט, האָב איך נאָך געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות פון מיינע 5 אַנטיסעמיטישע פּוילישע דרו־קער־אַרבייטער, וועלכע האָבען כסדר גע־רייצט די דייטשען אויף מיר. די נאַציס האָבען די פּוילישע כוליגאַנעס באַרוהיגט, אַז צו־לאַנג וועלען זיי פון מיר ניט ליידען, און איך האָב זיך אָנגעשטויסען וואָס דער ווילדער וואונק מיינט, און איך האָב באַ־שלאָסען צו דעזערטירען פון דער אַרבייט.

מיין באַשלוס האָב איך אויסגעפירט, און בין נעקסטען טאָג ניט געקומען צו דער אַרבייט. אַ פריינד האָט מיך אויסבאַהאַל־טען. די נאַציס האָבען אָבער ניט געשוויגען. זיי זיינען געקומען צו מיין משפחה, איבערגענישטערט דאָס גאַנצע הויז, צוגענומען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, און געוואָרענט, אַז אויב איך וועל זיך ניט צושטעלען צומאָרגענס צו מיין אַרבעט, וועט מען מיין גאַנצע פאַמיליע אומברענגען. ווען איך האָב זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָב איך באַשלאָסען זיך איבערצוגעבען אין זייערע הענט, און זאָל כאָטש מיין משפחה אומשולדיק ניט ליידען פאַר מיינע זינד... צו מיין גליק האָבען די רוסען, לויט אַן אָפּמאַך, דאַן איבערגע־נומען ביאַליסטאָק, און דאָס איז געווען דער ערשטער נס פון מיין רעטונג.

דעם 22־טען יוני, 1941, ווען די נאַציס זיינען אָנגעפאַלען אויף דער רויטער אַרמיי אין ביאַליסטאָק, האָב איך באַשלאָסען צו טאָן אַלץ וואָס מעגליך אַבי ניט אַריינפאַלען מער אין די נאַ־צישע הענט. אין זעלבען טאָג איז געקומען צו מיר מיינער אַ חבר, אויך אַ דרוקער, וועלכער האָט מיך געבראַכט אַ מאָבילי־זיר־קאַרטע זיך צוצושטעלען גלייך אין דער דרוקעריי פון דער רויטער אַרמיי.

דער נאַטשאַלניק פון דער דרוקעריי האָט אונז געמאָלדען וועגען דעם אויסברוך פון קריג צווישען די רוסען און די נאַציס, און געהייסען ציען זיך צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי. די דרו־קעריי איז געווען איינגעאָרדענט אויף טראָקס, מיט צוויי לי־נאָטיפּען, אַ קליינע ראָטאַציע־מאַשין און אַלע איינריכטונגען וואָס מען באַדאַרף צו דער אַרבייט. מען האָט אונז געגעבען מיליטערישע זאַכען פון דער רויטער אַרמיי, אָבער קיין דאָקו־מענטען, אַז מיר זיינען מאָביליזירט אין דער דרוקעריי, האָט מען אונז ניט געגעבען. פאַרטאָג זיינען מיר אַרויסגעפאָרען פון ביאַליסטאָק. אָפּאַרבייטענדיג אַ פאָר וואָכען אויף די טראָקס, האָבען די דייטשען געמאַכט אויף אונז אַן אָנפאַל, צוקלאַפּט אַלע טראָקס, און בלויז איניגע פון אונז איז געלונגען זיך צו ראַטע־ווען, אַנטלויפענדיג אין די וועלדער

איך בין געוואָרען אַ וואַלד־מענש. דאָרט וואו עס באַהאַל־טען זיך געוויינליך חיות פון אַ בייז מענשליך אויג, האָב איך, אַ געפלאָגטער, געמוזט זיך פאַרבאַהאַלטען פאַר די ווילדע מענשלי־ליכע חיות, די נאַצישע מערדער. אָבער דאַן האָט זיך אָנגעהוי־

און ביינאַכט. מ׳האָט געזען דעם פייער און געשמעקט דעם ריח פון געברענטע פלייש. עסען האָט מען געגעבען 2 פונט ברויט פאַר 9 מענשען אַ טאָג און דערצו אַ טעלער זופּ פון קאַרטאָפעל־שאָלעכץ. צום גרעסטען טייל איז די ברויט געווען פאַרשימעלט. 4 וואָכען שפּעטער האָט מען אונז איבערגעשיקט אין אַ צווייטען לאַגער אין עסטרייך מיט׳ן נאָמען רעדל־ציפף.

אָפּזייענדיג דאָ אין רעדל־ציפף ביי 5 וואָכען צייט, איז פּלוצ־לינג אָנגעקומען אַ באַפעל פון אונזער לאַגער־קאָמענדאַנט, אַז מיר מוזען גלייך אינדערפרי פאַרלאָזען דעם לאַגער. מען האָט אונז אויפגעזעצט אויף 2 טראָקס און אונז אָפּגעפירט 80 מייל ווייטער און געבראַכט צום לאַגער עבענזעע.

אויפ׳ן 4־טען טאָג, דעם 5־טען מאַי, 1945, ווען מען האָט אינדערפרי געעפענט די טיר און אונז דערלויבט אַרויסצוגיין איינזאַפּען אַביסעל לופט, האָבען מיר דערזען, אַז אין לאַגער קומט עפּעס פאָר. מיר האָבען באַמערקט, אַז די וואַך איז שוין ניטאָ אויף זייערע פּאָסטענס...

מיט אַ פּאָר שטונדען שפּעטער קומט צו אונז אונזער גאַנצע וואַך, הייסט אונז אַלעמען אַרויסגיין, זיך איינשטעלען צו 4 אין אַ רייע און אָפּמאַרשירען. איניגע פון זיי האָבען אונז אפילו געזאָגט, אַז מיר וועלען באַלד זיין פריי, אָבער מיר האָבען זיי ניט געגלויבט. אָבער פּלוצלינג, אַזוי ווי זיי האָבען אונז צוגע־פירט ביי 50 טריט, האָט זיך אַרויפגעצויגען אַ ווייסע פאָן אי־בער׳ן לאַגער און מיר האָבען שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. די שמחה איז געווען געוואַלדיג. מענשען האָבען זיך געקושט און געוויינט. זיי האָבען אונז אַריינגעפירט אין אַלגעמיינעם לאַ־גער און זיינען אַליין אַנטלאָפען. ערשט אויפ׳ן צווייטען טאָג זיי־נען אָנגעקומען די ערשטע 2 אַמעריקאַנער טאַנקען מיט אַ 5 אַמעריקאַנער סאָלדאַטען. שפּעטער איז אויך אָנגעקומען די רע־גולערע אַמעריקאַנער אַרמיי.

נאָך אַלע שמחות פון מיין באַפרייאונג, האָב איך זיך אַרומ־געזען ווי איינזאַם און עלענד איך בין געבליבען, אַז איך האָב אַלע מיינע נאָענטסטע פאַרלוירען, און אַז איך האָב ניט וואו צו גיין. איך האָב געזוכט איבער די לאַגערען פון עסטרייך און דייטשלאַנד, אפשר וועל איך עמיצען פון מיינע געפינען. אָבער עס איז געווען אומזיסט. דאַן האָב איך אָנגעשריבען אַ בריף צו מיין טאָכטער, וועלכע איז אין 1936 אַוועק קיין אַמעריקע. איך האָב צופעליג געדענקט איר אַדרעס, און האָב געבעטען אַן אַמע־ריקאַנער אידישען סאָלדאַט ער זאָל דאָס אָפּשיקען. ער האָט עס געטאָן פאַר מיר און מיין טאָכטער האָט זיך דערוואוסט וועגען מיר.

איך בין לאַנג ניט געווען אין עסטרייך. ביי אַ געלעגענהייט בין איך מיט מיין ברודער און נאָך אַ פּאָר ביאַליסטאָקער זעצער, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אַלע צוזאַמען, אַריבער קיין אי־טאַליע. מיר האָבען דאָרט געהאָלפען איינשאַפען אידישע שריפט, וואָס עס איז ניט געווען אין איטאַליע, און האָבען דאָרט איינגע־אָרדענט אַ אידישע זעצעריי פאַר דער צייטונג פון די פּליטים „בדרך” און אויך פאַר אַנדערע אידישע אויסגאַבען.

אין איטאַליע בין איך געווען און געאַרבייט 9 מאָנאַטען, און מיין ברודער און אַ חבר געפינען זיך נאָך ביז איצט דאָרט. שפּע־טער האָב איך געקראָגען אַפידייוויטס פון מיין טאָכטער, און אין 1946 בין איך אַהער געקומען און וואַרט איצט מיט אומגעדולד, אַז אויך מיין ברודער און חבר זאָלען שוין סוף־כל־סוף זיך קע־נען אַרויסרייסען און קומען אַהער.

הערשל קאָזאַק

בען ווידער אַמאָל מיין טראַגעדיע. איך בין געווען אָנגעטאָן אין רוסישע מיליטערישע זאַכען. צו יענער צייט פלעגען די נאַציס אַראָפּלאָזען זייערע פּאַראַשוטיסטען, איבערגעטאָן אין רוסישע אוניפאָרמען, און שיסען אויף די רוסען. ווען די רוסען האָבען זיך דערוואוסט פון אָט דעם שפּיצעל, האָבען זיי אָנגעהויבען מאַכען אָבלאַוועס אין די וועלדער, און ווער עס האָט ניט געקענט אויפווייזען מיט דאָקומענטען, איז אָנגענומען געוואָרען פאַר אַ דייטשען שפּיאָן. און איך, אָנגעטאָן אין אַ סאָוועטישען אוניפאָרם, האָב זיך געפונען אין גרעסטער לעבענס־געפאַר, ניט האָבענדיג קיין דאָקומענטען אַלס רויטער אַרמייער.

חוץ דעם האָב איך שטאַרק געליטען פון הונגער און דאָרשט, און געמוזט שטילען מיט דעם גרינעם, דומפּיגען שוים פון קאַלוזשעס אין וואַלד, וואו עס האָבען זיך געפונען זשאַבעס און אַנדערע שמוציגע באַשעפענישען. אַזוי האָב איך זיך מיט געדרייטע וואַלד־וועגען דערשלעפּט ביז מינסק. אין די געגענטען פון מינסק בין איך אַריין צו אַ וואַלד־וועכטער, וועלכער האָט אויף מיר רחמנות געהאַט און מיר געגעבען ציווילע זאַכען, פאַרשטייט זיך ניט אויף מיין מאָס. אַ הונגעריגער, אָפּגעריסענער און באַוואָקסענער, טאַקע ווי אַ וואַלד־חיה, האָב איך זיך דערשלעפּט ביז אָרשע. דאָרט האָב איך אין אַן אַפּטייק געפרעגט, וואו איך קען זיך אָפּשערען, אָבער זיי האָבען געהאַט מיטלייד אויף מיר און געגעבען מיר אַ ראַזיר־אַפּאַראַט. איך האָב זיך אָפּגעשאָרען פריער מיט אַ שערעל און דאַן אָפּגעראַזירט און באַקומען אַ מענשליכען אויסזען.

ניט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה, בין איך אַוועק צום אָרשער וואָקזאַל און זיך אַרויפגעכאַפּט אומלעגאַל אויף אַ צוג. איך האָב זיך פאַרשפּאַרט אין אַ בודקע, וואָס געפינט זיך אויפ׳ן וואַגאָן און בין אַזוי געפאָרען ביז ברײנסק. דאָרט אויפ׳ן וואָקזאַל האָט מיין אויסטערלישער אויסזען און קליידונג אַרויסגערופען פאַרדאַכט און מען האָט מיר אויפן וואָקזאַל פאַרהאַלטען און אַריינגעפירט צום נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע.

דער נאַטשאַלניק האָט מיך גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער, ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קום פון פוילען, אָבער קיין דאָקומענטען האָב איך ניט. האָט מען מיך אָנגענומען פאַר אַ דעזערטיר פון דער רויטער אַרמיי. דער נאַטשאַלניק האָט טעלעפאָנירט צום הויפּט פון שטאָטישען שטאַב, באַריכטעט וועגען מיר און געפרעגט וואָס צו טאָן. דער הויפּט פון שטאַב האָט באַפוילען מיך ברענגען צו אים און באַגלייט פון צוויי רויטע אַרמייער האָט מען מיך געבראַכט אין דער הויפּט־קוואַרטיר.

איך בין פאַר דעם הויפּט פון שטאַב געשטאַנען ווי אַ פאַראורטיילטער. ער האָט מיך געדראָט מיט טויט־שטראָף. עס האָבען ניט געהאָלפען מיינע דערקלערונגען, וואָס ס׳האָט מיט מיר פּאַסירט אין דער דרוקעריי פון דער רויטער אַרמיי. איך האָב דערויף ניט געהאַט קיין דאָקומענטאַלע באַשטעטיגונגען און ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ דעזערטיר פון פראָנט, וועמען עס קומט טויט־שטראָף פאַר דעם פאַרראַט פון פאָטערלאַנד. איך האָב זיך שוין אין געדאַנק געזעגענט מיט׳ן לעבען. עס האָט מיר בלויז וויי געטאָן, וואָס איך דאַרף שטאַרבען צוליב אַ שענדליכען בלבול, אַלס פאַרראַטער פון אַ פאָלק.

דער „אידישער נאָז" איז אַ מסור, אָבער אָפטמאָל צום גוטען. הערט וואָס עס קען זיך פאַרלויפען: מיין נאַטשאַלניק מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס און שטעלט אויף מיר אָן אַ פּאָר פאָרשערישע אויגען. עפּעס האָט אים אין מיר פאַראינטריגירט. גאַנץ אומדערוואַרטעט האָב איך דערהערט די פראַגע, צי איך בין אַ איד. צווייפלענדיג וואָס צו ענטפערען, האָב איך זיך אַנטשלאָסען אויפ׳ן אמת און מודה געווען מיין אידישען אָפּשטאַם. הפנים אַז אויך ער איז געווען אַ איד, און אַזוי האָבען זיך צוויי זין פון איין פאָלק אויף די פנימ׳ער דערקענט אין ווייטען, פאַרוואָרפענעם רוסישען עק.

דער נאַטשאַלניק איז מיטאַמאָל געוואָרען וואַרימער, האַרציגער, צוגעלאָזטער. „אויב אַ איד ביזטו געראַטעוועט", האָט ער געזאָגט. ער האָט גלייך פאַראָרדענט מיך אָפּצושיקען אין „פּערעסילני פּונקט", אין אָראָל, וואו מען פאָרמירט נייע פאָלקען. דערוויסענדיג זיך דאָרט אַז איך בין פון פּוילען, האָבען זיי מיר אָפּגעשיקט קיין סטאַלינגראַד.

געשיקט האָט מען מיך אַהער צו העלפען מאַכען באַשיצונגען געגען שונא, אָבער עס איז שוין דערויף קיין צייט ניט געווען. איך בין גלייך אַריין אין אַקטיווען קאַמף און געהאַט אַ געלעגענהייט צו נעמען נקמה פון מיינע דייטשע אונטערדריקער. עס איז געווען אַ קאָשמאַר. מיר האָבען געשאָסען אויפ׳ן שונא פון די פענסטער, הויפען און דעכער, זיך געשלאָגען ווי לייבען. דער קאַמף איז געווען אַזוי היציג און נאָכאַנאַנד, אַז עס איז קיין צייט ניט געווען צונויפצוזאַמלען די טויזענטער קרבנות. די גאַנצע שטאָט איז געווען איין גרויסער שלאַכטפעלד און מען האָט דאָ טאַקע געזען אומגלויבליכע גבורה. איך בין שוין געבליבען אָן כחות פון שווערען קאַמף, אָבער דאָ איז געקומען מיין דערלייזונג. מען האָט מיר אַריינגעשאָסען אַ קויל אין פוס און אַ פאַרוואונדעטען מיר צוגענומען אין שפּיטאָל אין קויבישאָוו (סאַמאַרא), וואו איך בין געלעגען עטליכע מאָנאַטען.

פון קויבישאָוו האָט מען מיר אָפּגעשיקט אין טאַשקענט, וואו עס האָט זיך פאָרמירט אַ פּוילישע אַרמיי, אָבער איך האָב ניט געוואָלט קעמפען פאַר די פּוילישע אַנטיסעמיטען. בין איך אַוועק אַרבייטען אין אַ טאַשקענטער רוסישער צייטונג „פּראַוודאַ וואָסטאָקא" אַלס זעצער און זיי האָבען מיר אָנגענומען, ווייל זיי האָבען זיך גענויטיגט אין פאַכלייט, וואו איך האָב געאַרבעט ביז צום סוף פון דער מלחמה.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָב איך געוואָלט קומען צוריק אַהיים. האָב איך זיך אָנגעגעבען אַלס דרוקער און מען האָט זיך טאַקע גענויטיגט אין לעמבערג אין דרוקער. דאָס איז געווען מיין מזל, ווייל זיי האָבען אויפגענומען נאָר ספּעציאַליסטען, און מיין פאַך־קענטעניש איז מיר ווידער שטאַרק צו־נוץ געקומען.

קומענדיג אין לעמבערג, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז עס האָט זיך געשאַפען אַ פּויליש־אוקראַאינישע אויסטויש־קאָמיסיע איבערצושיקען ריפּאַטריאַנטען אין זייערע לענדער, און מיר איז דערלויבט געוואָרען אַריבערצופאָרען די פּוילישע גרעניץ.

איבער פעלדער און וועלדער, מוטלאָז, הונגעריג און מיד, האָב איך געוואַנדערט אַהיים קיין ביאַליסטאָק אין דער האָפענונג פיליכט נאָך צו טרעפען עמיצען פון מיין משפחה. איך האָב אָבער געפונען בלויז אַ בית־הקברות. פון מיין פאַמיליע איז קיין זכר ניט געבליבען. מיין האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרען פון דער גרויסער טראַגעדיע, ווען איך האָב געדאַרפט שפּרייזען איבער די חורבות פון מיין היימשטאָט. עס איז פאַר מיר געלעגען אויסגעשפּרייט אַ טויטע שטאָט, דער טאָל פון אומגליק. דאָס בילד פון מיין חרוב׳ער ביאַליסטאָק וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

איך האָב ניט געקענט אויסהאַלטען דעם טיפען ווייטאָג און בין אַוועק פון ביאַליסטאָק וואו די אויגען האָבען מיר געטראָגען. אין 1946 בין איך געקומען קיין פראַנקרייך, וואו איך האָב געקראָגען אַרבייט אין איינער פון די דאָרטיגע גרעסטע אידישע דרוקערייען. זיי האָבען פאַר מיר אויסגעפּועל׳ט אַ דערלויבעניש אויף אַ יאָר צייט מיט אַ קאָנטראַקט. דאָס איז געווען אַן אויסנאַם־פאַל, ווייל אַן עמיגראַנט איז דאָרט ניט געווען דערלויבט צו אַרבייטען.

מיין האַרץ איז מיר געווען אַזוי אָנגעווייטאָגט, אַז איך האָב באַשלאָסען בכלל צו פאַרלאָזען אייראָפּע, וועלכע איז דורכגעווייקט מיט דעם אומשולדיגען בלוט פון מיינע נאָענטסטע און ליבסטע. דעם 24־טען מאַי, 1947, האָב איך פאַרלאָזט פראַנקרייך אויפ׳ן וועג קיין אַמעריקע, וואו איך בין, מיט מזל, אָנגעקומען.

דאָ אין לאַנד האָב איך זיך געווענדעט צו דער שריפטזעצער־יוניאָן לאָקאַל 83, וועלכע האָט מיר געהאָלפען קריגען אַרבייט און אָנגענומען אַלס מעמבער.

**איסאַק ריבאַלאָווסקי**

# אַ וואַרשעווער דרוקער אין געטאָ און אין לאַגערן

אין סעפּטעמבער, 1939, גלייך נאָכדעם ווי די דייטשען האָבען באַזעצט וואַרשע, האָט זיך אָנגעהויבען די ליקווידאַציע פון די אידישע דרוקערייען. קודם־כל האָבען זיי פאַר׳חתמ׳עט אַלע אידישע דרוקערייען, אַז קיינער זאָל נישט קענען אַריינקומען, און גלייך נאָכדעם אַוועקגענומען די מאַשינען, ווי אויך אַלע איינריכטונגען.



ענדע 1940, ווען עס איז געשאַפען געוואָרען די וואַרשעווער געטאָ, זיינען טעטיג געווען נאָר 2 אידישע דרוקערייען, אונטער דייטשער קאָמיסאַרישער פאַרוואַלטונג. אין איינער פון די דאָזיגע דרוקערייען האָב איך געאַרבייט, נאָכדעם ווי די דייטשען האָבען אויך פון מיר צוגענומען די בעסערע טיילען פון מיין דרוקעריי. די אויפגאַבע פון די 2 דרוקערייען איז געווען צו דרוקען פאַר׳ן „יודן־ראַט". פון דער דאָזיגער אַרבייט האָט מען אָבער פאַרדינט זייער ווייניג, און כדי זיך צו דערהאַלטעןביים לעבען, האָבען מיר אין געהיים אויסגעפירט פאַרשידענע דרוק־אַרבייט פאַר דער אַרישער זייט, ווי אויך פאַר די געהיימע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין געטאָ.

אין יולי, 1942, ווען די דייטשען האָבען אָנגעהויבען אַרויספירען די אידען פון וואַרשע, זיינען ביידע דרוקערייען פאַראייניגט געוואָרען, און די דייטשען האָבען רעדוצירט די צאָל אַרבעטער צו 39. דער הויפּט פון׳ם אויסזידלונג־שטאַב, שטורמבאַנפירער גייפעל, פון די ס. ס., דער באַוואוסטער מערדער פון וואַרשע, האָט פערזענלעך איבערגענומען די לייטונג פון דער דאָזיגער דרוקעריי. ער האָט אונז געפּרואווט איינרעדען, אַז ער האָט פיל סימפּאַטיע פאַר דעם דרוקער־וועזען און מיר, אַלס דרוקער, וועלען זיך קענען פילען זיכער ביי דער אַרבייט. זיינע אָפטע וויזיטען אין דער דרוקעריי האָבען אָבער נישט ביי איינעם פון אונז איבערגעלאָזט אַ האַרץ־פעלער. זיין געהילף, דער שאָפער וויילאַנד, פלעגט זיך פאַרגלוסטען צוצוגיין צום ערשטען בעסטען אַרבייטער, מיט זיין מאַשין־ביקסעל גרייט צום שיסען, און זאָגען: „מאַך דיין געבעט, דאָס זיינען דיינע לעצטע מינוטען!" צום גליק האָט ער קיינמאָל זיינע מערדערייען ניט אויסגעפירט אין דער דרוקעריי, דערפאַר אָבער האָט ער זיך דערלויבט דאָס שרעקליכסטע מיט די איינוואוינער אין געטאָ און זיך באַוואוסט געמאַכט ווי איינער פון די גרעסטע מערדער.

אָבער פון די צוזאָגעכצען פון אונזער דייטשען ראש, אַז די פאַמיליעס פון די באַשעפטיגטע דרוקער וועלען נישט אַרויסגעפירט ווערען פון געטאָ, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. אין די ערשטע פאָר וואָכען פון דער אויסזידלונג זיינען אַוועקגענומען געוואָרען ביי 90 פּראָצענט פון די פאַמיליעס. און ווען ס׳איז געקומען דער 6־טער סעפּטעמבער, 1942, ווען אַלע געבליבענע אין וואַרשע אידען האָבען זיך געמוזט צונויפקלייבען אין אַן אָנגעצייכענטען דורך די דייטשען פיר־עק אין געטאָ (דער א. ג. „קעסל"), וואו די דייטשן האָבען ווידער געקליבען די מענטשען אַרויסצושיקען — האָט דער דייטשער שעף פון דער דרוקעריי אַרויסגערופען אַן אָפּטיילונג פון ס. ס., אַרומגעשטעלט די 39 דרוקער און אַוועקגעפירט זיי צום אויבענדערמאָנטען זאַמעל־פּונקט. דאָס מאָל האָט ער אַליין — אַלס הויפּט פון׳ם אויסזידלונגס־שטאַב — דורכגעפירט די אינספּעקציע, איבערגעציילט גענוי די 39 דרוקער אַ פּאָר מאָל און נאָכגעזוכט אויב עס האָט זיך נישט אַמאָל אַריינגעכאַפּט נאָך אַ פּערזאָן — און גלייך אונז צוריקגעשיקט אין דער דרוקעריי אַרבייטען. ער האָט אויך דערלויבט, אַז די 5 קינדער פון דרוקער, וועלכע האָבען זיך געהאַט געראַטעוועט ביז אָט דעם טאָג, זאָלען קענען צוריקגיין מיט זייערע פאָטערס אין דרוקעריי.

אַזוי אַרום האָט זיך מיר גליקליכערוויז איינגעגעבען אָפּצוראַטעווען מיין טעכטעריל, וועלכע איז דאַן אַלט געווען קנאַפּע 3 יאָר און וועמען איך האָב שטענדיג געהאַלטען ביי זיך. מיין פרוי האָט אויך דאָס גליק צוגעשפּילט און דעם זעלבען טאָג זיך צוריקגעקערט צו איר אַרבייטס־פּלאַץ אין אַ דייטשען שניידערשאָפּ, וואו פון קנאַפּע 2,000 באַשעפטיקטע האָבען זיך צוריקגעקערט בלויז אַרום 170.

נאָך די דאָזיגע געשעענישען איז די געגענט, אין וועלכער די דרוקעריי האָט זיך געפונען, צוגעטיילט געוואָרען פאַר די פּאָליאַקען. אין דער לופט האָט זיך געפילט, אַז דאָס איז נאָך נישט דער סוף פון אונזערע צרות. איך מיט מיין פרוי האָבען זיך באַמיט אָפּצוראַטעווען כאָטש דאָס קינד — דורך אַוועקגעבען עס אין קריסטליכע הענט. נאָך אַ קורצער צייט האָבען מיר טאַקע אויסגעפונען אַזאַ קריסטין, וועלכע איז, דורך־אגב, רעקאָמענדירט געוואָרען דורך אַ איד, וואָס האָט געלעבט אויף אַרישע דאָקומענטען. די קריסטין האָט גערן גענומען מיין טעכטעריל, ווייל איר פּנים האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין סימן פון אידישער אָפּשטאַמונג (אין יענע צייטען האָט עס געהייסען: „אַ גוטער אויסזען").

דאָס אַרויסגעבען דאָס קינד צו דער קריסטין איז פאָרגעקומען דעם 8־טען אַפּריל, 1943, און אין 10 טעג שפּעטער איז אויסגעבראָכען דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. איך און מיין פרוי האָבען זיך געפילט גליקליך, וואָס עס האָט זיך אונז איינגעגעבען אָפּצוראַטעווען דאָס קינד — כאָטש מיר האָבען נישט געגלויבט, אַז מיר וועלען עס נאָך ווען עס איז זען — וויסענדיג וואָסער גורל עס דערוואַרט אונז.

בשעת׳ן אויפשטאַנד זיינען מיר דורך די דייטשען אַוועקגעשלעפּט געוואָרען קיין לובלין, מיידאַנעק. נאָך 8 וואָכען „פאַרברענגען" דאָרט, האָט מען אויסגערופען אונזערע נעמען (מיין פרוי איז ביים סוף אויך געווען באַשעפטיגט אין דער דרוקעריי) און אונז איבערגעשיקט קיין ראַדאָם, וואוהין עס איז אַריבערגעבראַכט געוואָרען די דרוקעריי פון וואַרשע, און מיר זיינען ווידער באַשעפטיגט געוואָרען ביים דרוקער־פאַך. 13 מאָנאַטען האָבען מיר געאַרבייט אין דער דרוקעריי אין ראַדאָם, צוזאַמען מיט דעם רעשט ביסעל וואַרשעווער דרוקער, וועלכע האָבען זיך געפונען

# די ליטווינער זיינען ניט בעסער

דאָס איז געשען די צווייטע וואָך, ווי די דייטשען האָבען באַזעצט קאָוונע. די ליטווישע שאָוליסטען (פאַשיסטען) האָבען שוין אין די ערשטע טעג פון דייטשען אַריינמאַרש, אָן וועלכע ניט איז אָנווייזונגען מצד דער דייטשער מאַכט, דורכגעפירט אַ בלוטיגען פּאָגראָם אין סלאָבאָדקע (אַ פאָרשטאָט פון קאָוונע), וואו זיי האָבען מערער ווי אַכט הונדערט אידען דערמאָרדעט אין זייערע הייזער און אויסגעראַבירט זייער פאַרמעגען.



איך בין געזעסען ביי מיינעם אַ שכן. פּלוצלינג האָט זיך אָן עפען געטאָן די טיר און עס האָבען זיך באַוויזען אַ באַנדע באַוואָפענטע שאָוליסטען, אַ טייל פון זיי זיינען געווען געקליידט אין ליטווישע מיליטער־אוניפאָרמען און אַ טייל ציוויל געקליידט מיט ווייסע אָרעם־בענדער. זיי האָבען געגען אונז אויסגעשטעלט די ביקסען און אונז באַפוילען אויפצוהויבען די הענט. אַזוי האָט מען אונז, צוויי מענער און איין פרוי, אַרויסגעטריבען פון הויז אויפ'ן הויף. פון די אַרומיגע וואוינונגען האָבען זיי צוזאַמענגענומען מער ווי צוואַנציג פערזאָן. ס'האָבען זיך אַרומגעקליבען אַ רעדעל קריסטליכע שכנים אַרום אונז און האָבען מיט צופרידענקייט צוגעקוקט צום בייזען שפּיל. ווען איניגע פאַרבייגייענדע דייטשע סאָלדאַטען האָבען זיי געפרעגט וואָס איז דאָ געשען — האָבען זיי געענטפערט, אַז די אידען האָבען געשאָסען אויפ'ן דייטשען מיליטער.

מיר האָבען געמוזט וואַרטען אויפ'ן הויף ביז זיי האָבען דורכגענישטערט די וואוינונגען און אַרויסגעשלעפּט עטליכע קאָפערטס (טראָנקס) מיט אָנגעראַבירטע זאַכען, ווי זילבערנע לייכטער, בעכער, לעפעל, גאָפּעל א. א., וועלכע זיי האָבען אָפּגעגעבען די וואַרטענדיגע פון זייערע משפחה־מיטגלידער. דאַן האָט מען אונז באַפוילען זיך אויסשטעלען צו דריי אין אַ רייע און אונז אָפּגעפירט אונטער אַ שטאַרקער וואַך אין זייער שטאַב־קוואַרטיר. דאָרט האָט אונז אויפגענומען זייערער אַן עלטסטער, וועלכער האָט אונז באַפוילען, אַז אַלץ וואָס מיר האָבען ביי זיך אין די קעשענעס זאָלען מיר אַוועקלייגען אויפ'ן טיש. זיי האָבען ביי מיר צוגענומען אַ זייגער, אַ ביסעל געלט א. א. נאָכדעם האָבען זיי אַלעמען באַזוכט. באַזונדער פיינליך איז געווען זייער איזדיעקעווען זיך איבער אַ פּאָר עלטערע פרויען, וועלכע זיי האָבען באַפוילען זיך אויסטאָן האַלב־נאַקעט אין געגענוואַרט פון די מענער און זיי באַזוכט. נאָכ'ן דורכזוכען האָט מען אונזער גרופּע פאַרשפּאַרט אין אַ האַלב־טונקעלען צימער, וואו מיר האָבען שוין געטראָפען אַ היבש ביסעל צוזאַמענגעשפּאַרטע מענער און פרויען.

איניגע שעה שפּעטער זיינען אָנגעקומען אַ נייע באַנדע באַוואָפענטע ליטווינער און אונז באַפוילען אַרויסצוגיין אין הויף, זיך אויסשטעלען אין אַ רייע צו צוויי פערזאָן, די פרויען פאָראויס און די מענער נאָך זיי און אָנגעזאָגט, אַז ווער עס וועט פּרובירען אַנטלויפען ווערט דערשאָסען. וואו זיי קלייבען זיך אונז צו פירען, האָט מען אונז ניט געזאָגט. איך האָב זיך צופעליג צוגעהערט, ווי איינער פון די אָקאָרשט־געקומענע באַרימט זיך פאַר אַ צווייטען ליטווינער, אַז „פון אים איז קיינער ניט אַנטלאָפען און מ'האָט זיי שוין דאָרט אַלע פאַרטיג געמאַכט. ס'איז געווען זייער אינטערעסאַנט"... מ'האָט אונז איבערגעציילט, מיר זיינען געווען ביי הונדערט פערזאָן, די גרעסערע טייל מענער.

מיינער אַ באַקאַנטער. אַריינקומענדיג אין הויז, אָנגעטאָן אין אַ דייטשען אוניפאָרם, איז דאָס גאַנצע בני־בית ווייס געוואָרען פון שרעק... עפּעס אַ קלייניקייט אַ דייטשער זעלנער אין אַ אידיש הויז! נאָר איך האָב דעם עולם ניט געהאַלטען לאַנג אין מורא. איך האָב אויסגערופען: „דערקענסט מיך ניט? דאָס איז דאָך דיין חבר שלמה!" די שמחה וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען איז ניט צום באַשרייבען. קיין סך צייט צו פאַרברענגען האָב איך ניט געהאַט. איך האָב אין קורצען איבערגעגעבען אין וואָס עס האַנדעלט זיך און פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל מיר געבען ציווילע קליידער, ווייל איך דאַרף נאָך היינט פאָרען אַהיים צו מיינע עלטערען.

אָנקומענדיג צו מיר אין הויז איז די איבערראַשונג אַזוי גרויס געווען, אַז מיין מוטער ע"ה האָט באַלד גע'חלש'ט. די דאָזיגע נאַכט איז קיינער פון אונז ניט געשלאָפען, אויסהערענדיג די אַלע פּאַסירונגען וואָס מיט מיר איז געשען פאַר דער גאַנצער צייט.

איך בין ניט אַרויס פון הויז ביז דעם אַנדערען טאָג. פאַרנאַכט, ווען עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען טונקעל, בין איך ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַוועקגעפאָרען אין דער הויפּטשטאָט בודאַפּעסט, וואו איך האָב אַמאָל געהאָט מיין דרוקעריי. איך האָב מיך זאָפאָרט געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם נייעם אייגענטימער, וועלכער האָט מיר פאַרשאַפט קריסטליכע פּאַפּירען און געדונגען אַ וואוינונג שוין אַלס קריסט.

ענדליך איז געקומען דער טאָג, דער 18טער יאַנואַר, 1945, ווען די רוסישע אַרמיי האָט באַפרייט די שטאָט. צו יענער צייט האָבען זיך געפונען אין מיין וואוינונג 24 מאַן, וואָס זיינען דורך מיר אויסבאַהאַלטען און געראַטעוועט געוואָרען. מיר האָבען ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז מיר, וואָס האָבען זיך דורך אַ נס געראַטעוועט, טאָרען מער ניט געטרויען אייראָפּע, ווייל צו טייער האָט אונז געקאָסט דאָס „לערען־געלט". אונזערע טייערסטע האָט מען אויף דעם ברוטאַלסטען אופן אומגעבראַכט. מיר מוזען פאַרלאָזען די פאַרשאָלטענע ערד, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל אומשולדיג בלוט!

אָבער בעפאָר מיר פאַלאָזען אייראָפּע ווילען מיך נאָך איין מאָל זען דאָס שטעטעל, וואו מיר זיינען אויפגעוואַקסען. אַזוי איז זיך יעדער איינער פון אונז געפאָרען אין זיין שטעטעל און געווים איך אויך. זייענדיג דאָרט אַ פּאָר חדשים האָב איך זיך באַקענט מיט אַ חנ'עוודיג מיידעל, און נאָך אַ פּאָר מאָל באַגעגענען זיך, האָבען מיר געפילט אַז מיר באַלאַנגען איינער צום אַנדערען און מיר האָבען זיך פאַרליבט מיט אַ דויערהאַפטיגער ליבע, וואָס וועט אונז באַגלייטען אונזער גאַנץ לעבען... שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכען האָבען מיר מיט מזל חתונה געהאַט.

8 טעג נאָך דער חתונה האָבען מיר — איך, מיין פרוי און אירע 3 שוועסטער, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט — צוזאַמען 5 פערזאָן, זיך געלאָזט אין וועג אַריין, שוואַרצענדיג אַלע גרעניצען, ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד אין אַ די.־פּי קעמפּ. איך האָב זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אונזערע פאַרוואַנדטע אין אַמעריקע, און מיט זייער הילף און מיט דער הילף פון האַיאַס איז אונז געלונגען אין משך פון אַ יאָר צייט צו קומען אין גאָלדענעם לאַנד.

דאָ אין אַמעריקע האָב איך זיך געווענדעט צו אונזער יוניאָן, וואו פּרעזידענט ט. גלאַז האָט מיך זייער פיין אויפגענומען. נאָכדעם ווי איך האָב דערלעדיגט געוויסע פאָרמאַליטעטען, בין איך געוואָרען אַ מעמבער, פאַר וועלכען איך דריק אויס מיין האַרציגען דאַנק.

**אַלעקסאַנדער פּאָלאַטשיק**



אין די פאַרשידענע לאַגערן און זיינען אויף דעם זעלבען אופן ווי מיר געבראַכט געוואָרען קיין ראַדאָם.

אין ראַדאָם האָט זיך מיר איינגעגעבען אָנצוקניפּען אַ קאָנטאַקט מיט דעם אידישען אונטערגרונט פון וואַרשע, וועלכער האָט דורך דער חבר'טע „וואָלאַדקע", איצט אין אַמעריקע, איבערגעשיקט שטיצע פאַר אונזערע חברים און אויך באַזאָרגט מיט הילף אונזערע באַהאַלטענע קינדער ביי אַריער.

מיט דער רוסישער אָפענסיווע אויף לובלין, ענדיקט זיך אונזער אַרבייט אין דער ראַדאָמער דרוקעריי. מיר ווערען אַלע איבערגעשיקט קיין אוישוויץ, פון וואַנען די קרעפטיגערע מענער זיינען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרען אין פאַרשידענע לאַגערן איבער דייטשלאַנד און די פרויען זיינען דאָרט פאַרבליבען אַ לענגערע צייט.

אין ענדע אַפּריל, 1945, האָט די אַמעריקאַנער אַרמיי מיך געפונען אַ האַלב־טויטען אין דאַכאַוער לאַגער. נאָך 8 וואָכען דערהאָלונג האָב איך זיך געפילט בכוח אונטערצונעמען די רייזע קיין וואַרשע אויסצוגעפינען וועגען מיין קינד. ווי אנגענעם איבערראַשט איך בין געווען — דאָס איז שווער צו באַשרייבען — ווען איך האָב שוין דאָרט געטראָפען דאָס קינד צוזאַמען מיט מיין פרוי, וועלכע איז באַפרייט געוואָרען אין דייטשלאַנד דורך די רוסען.

פאַרבלייבען אין וואַרשע נאָכדעם וואָס מיר האָבען דאָרט דורכגעמאַכט, וואָלט געווען איבער אונזערע כחות. האָבען מיר באַשלאָסען צו פאַרלאָזען אויף אייביק דאָס אָרט וואו מיר האָבען פאַרלוירען אונזער גאַנצע פאַרצווייגטע פאַמיליע. מיר קומען קיין דייטשלאַנד, וואו איך בין געוואָרען איינער פון די ערשטע זעצער־גרינדער פון דער צייטונג „אונזער וועג", וואָס ווערט אַרויסגעגעבען דורכ'ן „צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע אידען" אין מינכען. איך האָב דאָרט געאַרבייט איבער אַ יאָר.

אין יאַנואַר, 1947, זיינען מיר געקומען קיין אַמעריקע.

**אַדאַם מעלצער**

# פאַרשטעלט זיך פאַר אַ דייטש און ראַטעוועט זיין לעבען

איך בין געבוירען אין דעם טייל רומעניע, וואָס רופט זיך טראַנסילוואַניע. אָט די געגענט איז סוף 1940 „איבערגעגעבען" געוואָרען פון די נאַציס צו אונגאַרן, וועלכע איז שוין דאַן געווען אינגאַנצען אונטער דייטשלאַנדס איינפלוס. אַלע נאַצישע גזירות אויף אידען זיינען טאַקע אויך דאָרט באַלד איינגעפירט געוואָרען.



די סאַמע ערשטע גזירה איז געווען, אַז אַלע אידען וואָס האָבען געדינט אין מיליטער, האָט מען איבערגעפירט אין אַרבייטס־קאָמפּאַניעס. זיי האָבען געמוזט טראָגען ציווילע קליידער מיט אַ געלער לאַטע אויפ'ן לינקען אָרעם.

אין דער צייט ווען דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלען אויף רוסלאַנד, האָב איך זיך געפונען אין איינער פון אַזעלכע אַרבייטס־קאָמפּאַניעס.

אַלע אידען פון די אַרבייטס־לאַגערן האָט מען אַוועקגעשיקט צום רוסישען פראָנט. מ'האָט אונז געהייסען דאָרטען אויסגראָבען די מינעס, וואָס די צוריקטרעטענדע רוסען האָבען הינטער זיך איבערגעלאָזט. ניט האָבענדיג קיין דערפאַרונג, זיינען פיל פון אונז געטויט געוואָרען פון אויפגעריסענע מינעס.

אין דעם שרעקליך־קאַלטען ווינטער פון 1942־1943 האָט זיך אונזער אַרבייטס־קאָמפּאַניע געפונען אַרום וואָראָניעזש, ביים טייך דאָן. די צוויי פיינטליכע אַרמייען זיינען געווען אָפּגעטיילט בלויז דורך אַ שמאָלען פּאַס פון דעם טייך. מיר האָבען באַדאַרפט לייגען מינעס איבער דער לענג פון טייך כמעט פאַר די אויגען פונ'ם שונא. אונזער אַרבייט איז דערפאַר געווען זייער געפערליך. צו דעם האָבען מיר נאָך געליטען פון הונגער און קעלט, אַזוי אַז פון אונזער קאָמפּאַניע, וואָס האָט געציילט 230 מאַן, איז יענעם ווינטער געבליבען בלויז 33 מענשען, וועלכע האָבען זיך אויך געוואונשען בעסער דעם טויט...

צו יענער צייט האָבען די רוסישע אַרמייען דורכגעבראָכען דעם פראָנט און גענומען יאָגען די נאַציס אויף צוריק. ס'האָט דאַן אויסגעבראָכען אַ גרויסע בהלה צווישען די נאַצי־אַרמייען. די פירער זיינען אַנטלאָפען, איבערלאָזענדיג די סאָלדאַטען אויף הפקר. מיר זיינען אויך געלאָפען אויף צוריק איבער בערג מיט טויטע דייטשען.

איין פאַרנאַכט, ליגענדיג אויפ'ן שניי, כדי זיך צו באַשיצען פון דעם האָגעל מיט קוילען, וואָס איז געקומען פון די רוסען, האָט מיך אַ קויל געטראָפען אין לינקען פוס. איך האָב אויף שנעל פאַרבאַנדאַזשירט מיין וואונד.

פּלוצים האָב איך דערזען ווי עס קומען אָן די דייטשע אַמבולאַנסען און נעמען אַוועק די דייטשע פאַרוואונדעטע. האָב איך שנעל אַרונטערגעריסען פון אַ טויטען דייטש די קליידער און אומבאַמערקטערהייד עס אָנגעטאָן. די דייטשע שפּראַך קען איך גאַנץ גוט. אַזוי איז די גאַנצע זאַך געגאַנגען גלאַטיג. מען האָט מיך אויך צוגענומען מיט איינעם פון די אַמבולאַנסען און אַוועקגעפירט אין דער שטאָט קורסק אין איינעם פון די דייטשע שפּיטאָלען. דאָרט בין איך באַהאַנדעלט געוואָרען צוגלייך מיט אַלע דייטשע זעלנער, און אין משך פון אַ פּאָר טעג בין איך געקומען צו זיך.

אָפּזייענדיג אין שפּיטאָל אַ וואָך צייט, האָבען די רוסען זיך דערנענטערט צו קורסק, און דאָס דייטשע מיליטער האָט אָנגעפאַנגען צו עוואַקואירען. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז קודם־כל האָט מען אויסגעליידיגט די שפּיטאָלען און מען האָט אונז אַלעמען אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל, וואו עס איז שוין געשטאַנען גרייט אַ פּרעכטיגער לאַזאַרעט־צוג.

אַריינקומענדיג אין לאַזאַרעט־צוג האָב איך באַמערקט, אַז איך געפין זיך צווישען אונגאַרישע פאַרוואונדעטע זעלנער, וואָס זיינען אָבער געווען אָנגעטאָן אין דייטשע אוניפאָרמס, ווייל זייערע אוניפאָרמס זיינען שוין לאַנג צוריסען געוואָרען. דאָ האָב איך זיך געפילט אַ סך זיכערער, ווייל איך האָב זיך אָנגעגעבען פאַר אַן אייגענעם. שפּעטער איז מיר גאָר גוט געוואָרען, ווייל איך בין געוואָרען זייער איבערזעצער. די דאָקטוירים און קראַנקען־שוועסטער זיינען געווען אַלע דייטשען און האָבען זיך ניט געקענט פאַרשטענדיגען מיט זיי. דערפאַר איז מיין אָנוועזענהייט געווען פון גרויס וויכטיקייט אַלס דאָלמעטשער.

נאָך 10 טעג רייזע זיינען מיר אָנגעקומען צו דער אונגאַריש־פּוילישער גרעניץ, וואו עס האָט געוואַרט אויף אונז אַן אונגאַרישער לאַזאַרעט־צוג. די דייטשען זיינען געפאָרען אין דער ריכטונג פון דייטשלאַנד, און מיר — קיין אונגאַרן. ווען דער צוג איז אָנגעקומען אין דער שטאָט דעברעצין, האָב איך געוואוסט, אַז איך וועל מער ניט קענען באַהאַלטען מיין סוד. האָב איך זיך בשתיקה אַרויסגעשאַרט פון צוג און געמאַכט אַ ויברח. גראָד בין איך אַריינגעפאַלען אין אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט

מ'האָט אונז באַפוילען אָפּמאַרשירען. אַרומגערינגעלט מיט שומ־ רים, זיינען מיר אַרויס אין גאַס.

אָפּגייענדיג אַ טייל וועג, האָב איך באַמערקט, ווי אַ טייל פון דער וואַך זיינען אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג, און אונז האָבען שפּעטער באַגלייט 4 באַוואָפּענטע באַנדיטען, אויסגע־ שטעלט די ביקסען צום שיסען. איינער איז געגאַנגען פאָראויס און צוויי פון די זייטען און איינער ביים ענדע פון אונזער גרופּע. מיר האָבען געמוזט גיין צו צוויי אין אַ רייע ביים סיידוואָק, ווייל דער פאַרקער אין גאַס איז געווען אויסערגעוויינליך גרויס פון דייטשע מיליטערישע טראָקס און קאַרס. די דריטע גאַס, וואו מיר זיינען געגאַנגען, איז געווען ווילנער גאַס. אַזוי ווי מיין רייע איז געווען ניט ווייט פון ענדע פון דער גרופּע, — די צוויי זיי־ טיגע וועכטער זיינען געגאַנגען פאַר מיר, — האָב איך די גאַנצע צייט אָבסערווירט דעם הינטערשטען באַגלייטער. איך האָב דאַן באַמערקט, ווי צו אים איז צוגעגאַנגען זיינע אַ באַקאַנטע קריסט־ ליכע מיידעל, וועלכע איז מיט אים מיטגעגאַנגען און פאַרפירט אַ געשפּרעך. אין איין אָרט אויף דער גאַס, וואו מיר האָבען געדאַרפט דורכגיין, איז געשטאַנען אַ גרויסער מיליטערישער טראָק. אונזער גרופּע האָט געמוזט אים אַרומגיין אין אַ האַלב קרייז. ווען איך בין דורכגעגאַנגען דעם טראָק, בין איך שנעל אַריבערגעלאָפען דעם סיידוואָק און אַריינגעלאָפען אין אַנטקעגענדיגען געשעפט, וואו די טיר איז געווען מיט גלעזערנע שויבען. אין האָב זיך אויסגעצויגען אויפ'ן באָדען און ליגענדיג אַזוי אָפּגעוואַרט איניגע מינוט ביז די גרופּע איז פאַרבייגעגאַנגען און דאַן זיך אויפגעהויבען און אַרויף אויפ'ן אויבערשטען שטאָק און זיך באַהאַלטען אין אַ ווינקעל ביים אַריינגאַנג צווישען צוויי טירען צו אַ דאָקטאָרס אָפיס. כ'בין דאָרט אָפּגעשטאַנען אין טויט־שרעק איניגע שעה ביז ס'איז געוואָרען טונקעל, און דאַן בין איך אַוועק צו מיינע באַקאַנטע און זיי געבעטען זיי זאָלען אָנזאָגען ביי מיר אין דערהיים, אַז כ'בין אַנטלאָפען.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער באַשטעטיגט, זיינען אַלע אָפּגעפירט געוואָרען צום 9־טען פאָרט, וואו מ'האָט זיי אַלעמען אויסגע־ שאָסען.

**אברהם ווייס**

# דרוקער אַרבייטער פון מדינת ישראל באַגריסען

ווערטע חברים,

צום זעכציגסטען גרינדונגס־יובילעי פון אייער יוניאָן, שיקען מיר אייך אונזערע בעסטע וואונשען און געטרייע ברודער־גרוסען פון די אָרגאַניזירטע דרוקער־אַרבייטער אין מדינת־ישראל.

מיט טיפער אָנערקענונג און שטאָלץ האָבען מיר אַלע מאָל נאָכגעפאָלגט אייערע דערגרייכונגען, אייניקייט און געטריישאַפט צו אונזער קולטור, צו אונזער פאָלק און צו אונזער רענעסאַנס. מיר האָבען געוואוסט, אַז נישט בלויז דאָס וואָס איר זייט געווען פּיאָנערען פון אידישען געווערקשאַפטען־פאַרבאַנד אין אַמע־ ריקע, נאָר אויך דאָס, אַז איר זייט אין משך פון אַלע יאָרען גע־ ווען איינע פון די גלענצענדסטע יוניאָנס מיט איר אָרגאַניזאַציאָ־ נעלער טעטיקייט און געזעלשאַפטליכער אַקטיוויטעט. מיר האָ־ בען אויך געוואוסט צו שאַצען, פון ווייטענס, אייערע איבערגע־ בענע און געטרייע טוער, וואָס האָבען מיטגעבראַכט, מיט צענד־ ליגער יאָרען צוריק, יוגענט־ברען און אידישע דבקות, וואָס האָט נישט אויסגעלאָשען ביז היינט. זאָלען זיי אַלע געבענשט זיין אין טאָג פון אייער־אונזער יום־טוב.

זעכציג יאָר זיינען פאַרביי זייט דער אַנטשטייאונג פון אייער יוניאָן — און וואָס פאַר אַ גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען זייט דער צייט אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון די אידען אין אַמעריקע. מיט אייך צוזאַמען — און אין אַ נישט קליינער מאָס, אין זכות פון אייערע אָנשטרענגונגען — איז אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקעלט די פּרעסע און ליטעראַטור אין העברעאיש און אי־ דיש, וועלכע האָט דורכגעמאַכט עליות און ירידות, דערגרייכונ־ גען און דורכפאַלען. גרויסע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין דער דאָזיגער צייט אין אידישען לעבען. די טראַגעדיע וואָס האָט געטראָפען דעם אידענטום אין מזרח־אייראָפּע, די בעסטע טיילען פון אונזער פאָלק, און די גרויסע האָפענונגען וואָס האָבען גע־ שיינט אויף דער זעלבסטשטענדיקייט פון אונזער פאָלק אין ציון.

מיט דעם גרויסען חורבן זיינען אויסגעוואָרצעלט געוואָרען דורות־לאַנגע שאַפונגס־צענטערן, פון אידישען ספר און צייטונג און ס'איז פאַרשניטען געוואָרען די וואונדערבאַרע טראַדיציע פון אידישען דרוקער־אַרבייטער, דעם געטרייען שותף פון דער אי־ דיש־געזעלשאַפטליכער שאַפונג און קאַמף.

ס'איז אָבער אויך אַנטשטאַנען אַ גרויסער און שטייגענדער צענטער פאַר'ן אידישען דרוק אין מדינת־ישראל, וועלכער שפּינט ווייטער, אינאיינעם מיט אייך, אידישע דרוקער אין גרעסטען אי־ דישען צענטער פון אונזער פאָלק אין גלות, די מלאכת הקודש.

מיר, אין ארץ־ישראל, האָבען שוין זוכה געווען צו וויכטיגע דערגרייכונגען אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט און נאָכמער אויפ'ן פאַכליכען געביט. דער דרוקער־פאַך און בוכבינדונג אין ארץ־ ישראל שטייט אויף אַ הויכער מדרגה, אַ דאַנק דער שטייגענדער עליה פון קוואַליפיצירטע כחות פון חוץ־לארץ. מיר האָבען אויך זוכה געווען צו אַ יונגען דור אין אונזער פאַך (איצט זיינען אַלע יונגע אַרבייטער מאָביליזירט און באַטייליגען זיך אין דער מל־ חמה). און איינע פון די פּראָבלעמען וואָס מאַכט אונז זאָרגען איז, ווי אַזוי צו דערמעגליכען דעם דאָזיגען יונגען דור, און אויך דעם וואָס וועט קומען נאָך אים, אַ פילזייטיגע פאַכליכע אויסבילדונג.

מיר שטרעבען דערצו, אַז אין ארץ־ישראל זאָל אַנשטיין אַן אינסטיטוט פאַר פאָרשונג פון דעם אידישען אות, אָרנאַמענטיק און אַ גראַפישער מוזעאום, בקיצור אַן אינסטיטוט וואָס זאָל זאָר־ גען פאַר אַלע קולטור־און קונסט־ווערטען פון דרוקער־פאַך.

מיר דריקען אייערע הענט פון ווייטענס, פריינט און ברידער טייערע, און ווינשען אייך און אונז און אַלע אידישע דרוקער־ אַרבייטער נאָך פיל יאָרען פון שאַפונג און גלאַנץ, יאָרען פון אויפשטייג פאַר אונזער קולטור און ליטעראַטור אין אַלע אידי־ שע צענטערן און אין אונזער פרייער מדינה — אַ צענטער פאַר דער אידישער פאָלקס־שאַפונג.

זאָל פאַרשטאַרקט ווערען די געגענזייטיגע פאַרבינדונג צווי־ שען אונז. זאָל דער אידישער דרוקער־אַרבייטער שטיין אין די ערשטע רייען פון דער חלוצישער מחנה, וואָס היט מיט געטריי־ שאַפט דעם אידענטום, דעם ציוניזם און סאָציאַליזם.

חזקו ואמצו!

מיט חברישע גרוסען,

**צבי אסף**



# אידישע פּרעסע באַגריסט די זעצער

## פון „מאָרגען זשורנאַל"

ווי איינער פון די עלטערע מיטגלידער פון דער „מאָרגען זשורנאַל" רעדאַקציע וואָס שטייט פאַר די לעצטע פינף און דרייסיג יאָר אין נאָענטען, פּערזענליכען און פּראָפעסיאָנעלען קאָנ־ טאַקט מיט דער זעצעריי און די שריפטזעצער פון דער צייטונג, פרייט עס מיך זייער און איך פיל זיך באַזונדערס געעהרט, וואָס ס'איז מיר געגעבען געוואָרען די געלעגענהייט צו באַגריסען דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן צום זעכציג־יאָריגען יובילעי פון איר עקזיסטענץ.

אין די לאַנגע יאָרען פון געגענזייטיגער פריינדשאַפט און חבר'ישער באַציאונג מיט די מיטאַרבייטער פון אונזער זעצעריי און, אַ דאַנק געוויסע געלעגענהייטען, אויך מיט חברים־זעצער פון אַנדערע אידישע צייטונגען, האָט זיך געשאַפען ביי מיר אַ וואַרימער געפיל צום פאַך פון אידיש־זעצעריי בכלל און צו יע־ דען אידיש־זעצער בפרט. איך האָב שטענדיג געקוקט אויף אַ אידישען זעצער ווי אויף דעם אומצושיידבאַרען שותף פון דעם אידישען שרייבער. און איך גלויב, אַז יעדער אויפמערקזאַמער אידיש־אָדער העברעאיש־לייענער, פילט ווען ער לייענט עפּעס אין די „אותיות מרובעות", אַז שרייבער און זעצער זיינען שות־ פים אין די שורות; אַז צווישען דעם אינהאַלט און דער פאָרם איז דאָ נאָענטע פאַרוואַנדשאַפט.

מיט צען יאָר צוריק האָב איך געהאַט דעם כבוד צו זיין איי־ נער פון די באַגריסער צו דעם 50־טען יובל פון דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן, און איך האָף — אויב עס איז ניט צו פיל פאַרלאַנגט פון דעם רבש"ע — צו קענען עס זיין אויך צו איר 75־טען יובל.

מיין האַרציגסטע באַגריסונג און מיינע טיפסטע וואונשען צו דער אידישער שריפטזעצער־יוניאָן צו איר זעכציגסטען גע־ בוירען־טאָג, וואָס איז אַ וויכטיגער מייל־שטיין אין דער אַנטוויק־ לונג פונ'ם געדרוקטען אידישען וואָרט אין אַמעריקע.

ש. יודסאָן

## פון „פאָרווערטס"

אין דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג האָט די שריפטזע־ צער־יוניאָן שטענדיג פאַרנומען אַ בכבוד'יגען אָרט. זי האָט זיך אויסגעצייכענט מיט טריישאַפט און מיט אינטעליגענץ אין אַלע אַרבייטער, געזעלשאַפטליכע, פּאָליטישע און אידישע אָנגעלעגענ־ הייטען אין די זעכציג יאָר פון איר עקזיסטענץ. זי איז אימער געווען אין דעם אַוואַנגאַרד פון וויכטיגע אונטערנעמונגען פאַר דעם פּראָגרעס פון דער אידישער קולטור און זי האָט זיך וואַרים אָפּגערופען אויף יעדען אַפּיל צו העלפען, מאַטעריעל און גייסטיג, אין דעם ווידעראויפבוי פון אידישען לעבען אין די לענדער וואו די אידען האָבען זיך אין דעם גענויטיגט.

די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן איז שטענדיג געווען אַ אי־ דישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע אין דעם שענסטען זין פון וואָרט. און איך בין זיכער, קענענדיג די מנעשען וואָס בילדען די אָרגאַ־ ניזאַציע, אַז אַזוי וועט זי פאַרבלייבען אויף ווייטער.

מיינע בעסטע וואונשען און ברכות אין מיין אייגענעם נאָמען, און אין נאָמען פון דער גאַנצער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע.

הלל ראָגאָף

## פון „טאָג"

אייער יובילעי־פייערונג איז ניט בלויז די שמחה פון אידישע שריפטזעצער, נאָר די שמחה פון אידישען געדרוקטען וואָרט בכלל און פון דער אידישער פּרעסע בפרט.

ווי וואָלט היינט אויסגעזען די אידישע פּרעסע אָן אייך?

ווער קען נאָך אַזוי גוט אָפּשאַצען דעם גרויסען בייטראָג פון אידישען שריפטזעצער צו דער אידישער פּרעסע, ווי אַ רע־ דאַקטאָר פון אַ אידישער צייטונג, וועלכער שטייט גאַנץ אָפט מיט'ן זעצער ביים אַרבייטס־טיש, און זעט וויפיל מי ער לייגט אַריין אָנצוטאָן דעם שרייבערס געדאַנקען אין שיינע קליידער, געבען זיי אַ שיינעם „קאָפּ", אַ פּאַסיגע „רול", כדי צו מאַכען דעם שרייבערס אַרטיקעל מער אָנציהענדיג פאַר'ן לייענער.

די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן לאָקאַל 83 האָט דורך די אַלע יאָרען פאַרטראָטען די בעסטע אינטערעסען פון די אידישע שריפטזעצער. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, און דערפאַר קומט איר קיין דאַנק ניט. פאַר דעם איז זי דאָך אַ יוניאָן.

פאַרוואָס די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן פאַרדינט אַ באַ־ זונדערען שבח, איז דאָס וואָס זי ווייזט זיך אַרויס אין די לעצטע יאָרען אַלץ מער און מער געזעלשאַפטליך־אידיש.

די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן באַטייליגט זיך אין אַלע פּראָגרעסיווע אידישע באַוועגונגען און איר נאָמען איז באַקאַנט צווישען אידישע הילף־אינסטיטוציעס פון ביידע זייטען ים, און אין דער אויפלעבונגס־אַרבייט פון ישראל.

וויל איך ווינשען אייער יוניאָן און אירע מיטגלידער אַ סך יאָרען פון פּרוכטבאַרער אַרבייט אויף אַלע געביטען פון אייער טעטיקייט, און איר זאָלט דערלעבען פייערען אייער 75־יאָריגען יובילעי אין אַ בעסערער צייט פאַר אידען און פאַר דער גאַנצער וועלט.

ס. דינגאָל, רעדאַקטאָר פון „טאָג"

## פון „מאָרגען פרייהייט"

די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן איז צווישען די פּיאָנערן פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

ווי איינע פון די עלטסטע יוניאָנס, איז די אידישע שריפט־ זעצער־יוניאָן געווען צווישען די ערשטע אויף אַ רייע געביטען פון טעטיקייט און דערגרייכונגען. זי איז געווען צווישען די ער־ שטע זיך צו באַטייליגען אַקטיוו אין די פייערונגען פון דעם ערשטען מאַי, דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער יום־טוב, וואָס איז געבוירען געוואָרען דאָ אין לאַנד אין די היסטאָרישע קאַמפען פאַר דעם 8־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג.

די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן איז געווען צווישען די ער־ שטע יוניאָנס אויסצוקעמפען פאַר אירע מיטגלידער העכערע שכירות און מענשליכע באַדינגונגען אין די שעפּער, ווייזענדיג דערמיט אַנדערע אַרבייטער דעם וועג צו אָרגאַניזאַציע פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייערע לעבענס. די שריפטזעצער־יוניאָן איז געווען די ערשטע איינצופירען דעם 8־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג.

די „מאָרגען־פרייהייט", וואָס איז געווידמעט צו די אינטע־ רעסען פון די אידישע אַרבייטער און פאָלקס־מאַסען, שיקט איר וואַרימען גרוס און בעסטע וואונשען דער שריפטזעצער־יוניאָן צו דער געלעגענהייט פון איר 60־יאָריגען יובילעי.

די „מאָרגען־פרייהייט"

## איוואָ באַגריסט אונז צו אונזער שמחה

דעם 15־טען דעצעמבער, 1948

אין נאָמען פון אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט שיק איך אייך איבער די האַרציגסטע גרוסען צום זעכציגסטען געבוירען־טאָג פון אייער אָרגאַניזאַציע. די וועלט האָט זיך אַ היפּש ביסעל געביטען פון זינט די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט, און איר ראָלע אין אידישען גייסטיגען לעבען איז געבליבען די גאַנצע צייט אַ קאָנטיקע. אויב איר ווילט זיך פאַרגינען אַ לייכטען שמייכעל אפילו צו זעכציג יאָר מעגט איר זאָגען, אַז ווען ניט איר מיט אייער אַרבייט פון אַריינברענגען דאָס געדרוקטע וואָרט צווישען אידען וואָלט בכלל קיין אידישע קולטור־אַנטוויקלונג ניט געקאָנט געמאָלט זיין. אָבער אפילו ווען איר זאָלט בלייבען אין גאַנצען ערנסט און אָפּהיטען אַלע דינים פון עניוות מעגט איר דערקלערען מיט אַ ריינעם געוויסען, אַז לויט אירע כוחות האָט די יוניאָן היפּש מיטגעהאָלפען צום אויפבוי פון אידישען גייסטיגען לעבען אין אַמעריקע. האָט איר דעריבער כשר פאַרדינט, אַז איצטער צו אייער יום־טוב זאָלען אייך מיט פריינדליכקייט באַגריסען די אַלע וואָס וויסען ווי אָפּצושאַצען אייערע געזעלשאַפטליכע אויפטוען.

דער איוואָ שפּירט זיך אוודאי ווי אַ מחותן אויף אייער שמחה צוליב די זכרונות פון אַ שריפטזעצער, וואָס אונזער אַלעמענס פריינד, שמואל פּנחס שיינפעלד, האָט אָנגעשריבען און דער איוואָ האָט אַרויסגעגעבען. דאָס בוך האָט אַ סך מעלות, אָבער היינט ווילט זיך אונטערשטרייכען ספּעציעל איין מעלה — דאָס וואָס די געשיכטע פון אייער אָרגאַניזאַציע און פון דער אויפשטייגענדיגער אידישער אַרבייטערשאַפט אין אַלגעמיין ווערט דאָרטען אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט.

לאָמיר זיך אויך דערמאָנען מיט צופרידענקייט, אַז אַ רייע אַנדערע וויכטיגע טוער פון אייער יוניאָן זיינען פון לאַנגע יאָרען געטרייע פריינד פון איוואָ.

טאָ נעמט זשע צו צו אייער יובל די האַרציגסטע ברכות פונ׳ם אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט און אויך פערזענליך פון

אייער איבערגעגעבענעם

מ. וויינרייך, וויסענשאַפטליכער דירעקטאָר

### י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין ווינשט אונז אַ מזל־טוב

עס איז באמת אַ פאַרגעניגען און אַ פּריווילעגיע צו באַגריסען אייער יוניאָן — אונזער שוועסטער יוניאָן — לכבוד איר זעכציג־יאָריגען יובל.

אין דער געשכיטע פון אידישען לעבען, אין דער געשיכטע פון אידישען טרייד־יוניאָניזם, און אין דער געשיכטע פון אידישען וואָרט אין אַמעריקע האָט אייער יוניאָן שוין פאַרשריבען אַ גאַר פיינעם קאַפּיטעל, מיט וועלכען איר און מיר אַלע מעגען שטאָלצירען. מיר האָפען, מיר זיינען זיכער, אַז אייער אייביג־יונגע יוניאָן וועט דעם דאָזיגען קאַפּיטעל נאָך מער באַרייכערען. און צוזאַמען וועלען מיר ווייטער בויען און באַפעסטיגען די גרויסע אידישע פּרעסע פון אַמעריקע.

מיט די בעסטע גרוסען און האַרציגסטע ברכות,

**י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין**

דר. ל. הענדין, פּרעזידענט
י. אַפּאַטאָשו, וויצע־פּרעזידענט
משה ריבלין, סעקרעטאַר־קאַסירער

### באַגריסונג פון אידישען פאָלקס־אָרדען א. אַ. אָ.

אין נאָמען פון דעם אידישען פאָלקס־אָרדען, א. אַ. אָ., שיק איך אייך אונזער הייסען גרוס צו אייער יום־טוב, און מיר ווינשען אייך אַ גרויסען דערפאָלג אין איירע ווייטערדיגער אַרבייט.

די שריפטזעצער־יוניאָן איז געווען איינע פון די ערשטע יוניאָנס אין די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָס האָט באַוויזען אויסצוקעמפען בעסערע אַרבייטס־באַדינגונגען פאַר אירע מיטגלידער. זי איז געווען אַ ביישפּיל פאַר דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אין דעם קאַמף צו פאַרטיידיגען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון די אַרבייטער.

די שריפטזעצער־יוניאָן האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע און וויכטיגע ראָלע צו העלפען בויען די אידישע קולטור, האָט מעגליך געמאַכט די אַנטוויקלונג פון דער אידישער פּרעסע און פון דער אידישער ליטעראַטור. אויב מיר מאַכען ניט קיין טעות, איז די שריפטזעצער־יוניאָן געווען די ערשטע, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען בכלל, דעריבער ווערט אייער יום־טוב אויך אָנערקענט פאַר דעם יום־טוב פון דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג.

מיט פריינדליכען גרוס,

ר. זאַלצמאַן, גענעראַל סעקרעטאַר
אידישער פראַטערנאַלער פאָלקס־אָרדען
א. אַ. אָ.



## A SPLENDID RECORD

To the Officers and Members of
Hebrew-American Typographical Union No. 83:

Dear Sirs and Brothers:

It is an honor and a privilege to be permitted to extend to you on behalf of the members of the International Typographical Union our sincere congratulations on your Sixtieth Anniversary occurring December 25, 1948.

We are all proud of the splendid record made by No. 83 and wish you every success in its continued long and honorable life as a trade union and as a part of the International Typographical Union.

Sincerely and fraternally,

WOODRUFF RANDOLPH,
*President, International Typographical Union*

## SIXTY YEARS OF SERVICE

To the Officers and Members of
Hebrew-American Typographical Union No. 83:

My congratulations on your 60th Anniversary!

Your Union for the past 60 years has served its members and the community well. Your members have, for the past 60 years, waged a relentless fight for higher wages and shorter working hours.

Back in 1907 your Union set an example for the entire labor movement when you secured the 6-hour day for your members. Your membership has helped to establish the Union Printers' Home, as well as the old-age pension and death benefit systems.

Today you pause to celebrate your 60 years of achievements, to evaluate your years of progress, and to re-dedicate yourselves to the never-ending struggle for the advancement and dignity of labor.

May your younger members guard well their heritage.

Fraternally,

LAURENCE H. VICTORY,
*President, New York Typographical Union No. 6*



ע. אַטאַ — ס. ה. איבעלס — י. אַלאַנאָף — א. אבראַמאָוויטש — וו. אַבראַמאָוויטש

ב. אַקסלער — ב. באַמדאַס — דזש. באַרכאַט — וו. באַרשאַי — עליאַט בערגער

א. בערגער — ר. בלום — 83 — ב. באַביק — מ. ברייער

דזש. בוראַקאָוו — מ. טשוי — מ. גאַלאַט — מ. גאַנזבערג

ב. גיטעלמאַן — מ. גראַדער — נ. גרעי — נ. גרונבערגער





ה. גרושקין — ב. דעלפינעו — ג. דובראָוו — א. דראָזדאָוו — א. האַרקאַווי

י. האַרקאַווי — ל. האַרטמאַן — מ. הילמאַן — מ. האַלענדער — דזש. מ. האַראָוויץ

א. ווײַנשטיין — דזש. ווײַנשטיין — 83 — דזש. ווײַנרעב — ה. וואַלאַשקין

ס. ווינער — נ. ווינער — ס. ווינטראַוב — מ. זשאַרגאַווסקי

וו. זאַפאַלסקי — ד. זילאַן — מ. זאַניס — נ. יעדיקין



י. יאַקאָבאָוויטש · ב. מ. לאַמאַנעץ · ה. לאַפּינער · דזש. לאַסטער · טש. לאָעב

א. מ. לאַזאַראָף · דזש. ליכטענשטיין · י. ליכטין · א. לאַנדאַו · *א. לאַנדינסקי

מ. לוריע · ס. לובלינסקי · 83 · א. מאַכליס · י. מאַראַגשעס

א. מעלצער · ה. מילסטאָן · דזש. מאַגיל · א. מאַינעסטער

ל. מאַינעסטער · ת. מוראַטשיק · א. ניומאַרק · י. א. ניסענבוים





נ. נייקרוג · י. א. נוראַק · א. סאַמאַלסקי · ה. סאַמועלס · ב. סענדעראָוו

מ. סאַוויקי · ד. סעלצער · מ. סעמיגראַם · ס. סמיט · א. סאַקאָל

דזש. סאַלאָמאָן · ל. עוואַנס · 83 · א. פּאַזוואָלסקי · ס. פעריקמאַן

ב. פילדאַס · י. פילסדאָרף · א. פּאַלאַטשיק · מ. פּטאַשין

ה. פאַיאַנס · ה. ב. פירער · ש. ציטרינאַווסקי · א. קיינסטע

83 IU
אידישע שריפטזעצער יוניאָן זעכציק יאָריגער יוביליי


83
א. רייגער
מ. ראַדזשערס
י. ראָלניק
ה. ראָזענטאַל
ל. ראָטענבערג
מ. לאַבראַן
י. ריבאַלאָווסקי
ג. שיין
י. שוואַרץ
מ. שוואַרץ
י. שוואַדראָן
ד. שוואַרץ
דזש. שקלאַרין
א. שאָולזאָן
ה. שאָולזאָן
ש. שטיין
ד. שטיין
א. שטיק
ס. שטיינוואָלף
צ. שטאַק




ר. קאַמערמאַכער
ד. קאַנטאָר
ס. קאַפּלאַן
ק. קאַרלינסקי
א. קאַסאָף
מ. קאַסטאָף
נ. קאָופמאַן
דזש. קאַפּלער
ס. קאַרעצקי
ק. קאַרנוויין
ש. קאַץ
ה. קאָזאַק
83
י. קאָזיניץ
ס. קופערשטאָק
דזש. קופּפער
ס. קופּפער
א. דזש. קאָוואַן
מ. א. קלעוואַנס
ס. ראַבינאָוויץ
א. ראַפּאַפּאָרט
י. ראָזען
ל. ראָזען

# לזכר עולם

צום אייביגען אָנדענק פון אונזערע מיטגלידער, וועלכע זיינען געשטאָרבען
אין משך פון די לעצטע צען יאָר. תנצב״ה.

פינקעלשטיין, דזשייקאָב, 46 (8־טען דעצעמבער, 1938).

טאָרגמאַן, מאַרק, 69 (26־טען מערץ, 1939).

מישקינד, הערי, 62 (18־טען פעברואַר, 1940).

סלעווין, לואיס, 74 (23־טען אַפּריל, 1940).

פיליפּס, פיליפּ, 52 (26־טען אַפּריל, 1940).

פייגין, לואיס, 68 (4־טען סעפּטעמבער, 1940).

וואָהל ,היימאַן, 74 (6־טען אָקטאָבער, 1940).

דראָשער, נייטען, 71 (11־טען יאַנואַר, 1941).

ראָבינסאָן, דזשאָרדזש, 75 (2־טען פעברואַר, 1941).

דובין, סיימאָן, 73 (16־טען מאַי, 1941).

וויזנער, יוסף, 55 (14־טען יוני, 1941).

זאַבלאָ, יוסף, 56 (11־טען סעפּטעמבער, 1941).

קרעמען, דזשייקאָב, 58 (26־טען יוני, 1941).

קרעמען, אייזיק, 53 (8־טען מאַי, 1942).

ראָזענבערג, פּאול, 56 (14־טען יוני, 1942).

ראבינס, סאלאָמאָן, 77 (22־טען סעפּטעמבער, 1942).

עפּשטיין, איזראַעל דזש., 57 (11־טען יאַנואַר, 1943).

קאָמערמאַכער, מרדכי, 62 (6־טען אָקטאָבער, 1943).

וואָגעל, הערמאַן, 65 (7־טען דעצעמבער, 1943).

פּאָמעראַנץ, נייטען, 57 (14־טען יאַנואַר, 1944).

אייזיקסאָן, הערי, 63 (19־טען יאַנואַר, 1944).

פּאָדאָלסקי, סעמיועל, 54 (22־טען מערץ, 1944).

פּעטרעאנו, זאלער ל., 63 (20־טען דעצעמבער, 1944).

בערמאַן, אַלבערט, 72 (10־טען סעפּטעמבער, 1945).

שוואַרץ, יאָזעף, 80 (17־טען דעצעמבער, 1945).

שעוועלעוו, וויליאַם, 56 (1־טען פעברואַר, 1946).

כאַזאַנאָוו, סעמיועל, 52 (12־טען מערץ, 1946).

גראָוער, מאַקסוועל ע., 58 (25־טען מערץ, 1946).

אפרת, נייטען, 57 (10־טען אַפּריל, 1946).

האָראָוויטץ, דזשאָזעף, 66 (5־טען סעפּטעמבער, 1946).

דאָטצענקאָ, דעניעל, 62 (4־טען נאָוועמבער, 1946).

ניומאַן, אהרן, 54 (11־טען דעצעמבער, 1946).

סמאָל, בען, 60 (24־טען דעצעמבער, 1946).

בערג, דזשייקאָב, 61 (4־טען מאַי, 1947).

גאָלדענבערג, יצחק, 77 (16־טען מאַי, 1947).

דזשאָזעפסאָן, אייבערעהעם, 67 (17־טען אָקטאָבער, 1947).

פישאָף, דזשייקאָב, 62 (27־טען דעצעמבער, 1947).

גאָלדמאַן, דייוויד, 57 (1־טען פעברואַר, 1948).

סאָקאָלאָוו, דייוויד, 60 (10־טען מערץ, 1948).

רזשאַוווסקי, שייע, 64 (9־טען מאַי, 1948).

רייטער, אברהם, 63 (21־טען מאַי, 1948).

באַטאַשאָף, אַלבערט, 65 (14־טען נאָוועמבער, 1948).



פאָלגענדע מיטגלידער האָבען, צוליב פאַרשיידענע אורזאַכען, ניט אַריינגעגעבען זייערע בילדער:

| | |
|---|---|
| י. אונגער | ל. מאָסטינסקי |
| א. אָטאָ | ה. סעמועלס |
| י. בערנשטיין | ה. סאקאָווסקי |
| א. גין | י. סענדראָוו |
| ה. גאָלדבערג | יוליוס עפשטיין |
| ב. גאָלדוואַסער | י. פאַרגאַמענט |
| דזש. דזשעקסאָן | ע. פיין |
| י. הונגער | ס. פלאַקס |
| א. הילמאַן | א. פיינגאָלד |
| ל. ווייס | א. פאָזי |
| ד. זלאָטקין | י. פערלין |
| ט. לאָוב | א. קאגאָטאָף |
| ר. לאַזאַראָף | מ. קאַצפּער |
| מ. לאַבראַן | ה. קריגער |
| מ. ב. ליבערמאַן | ב. ראָטשטיין |
| מ. ליוויי | י. ראָלניק |
| ה. לינדער | ל. שודאפסקי |
| ס. מאַקסימון | מ. שטופלער |
| פ. מאַלניאַק | ה. שטיין |

ס. שפיז